265

הײנריך מאַן.

פּיפּאַ ספּאַנאָ

און אַנדערע ערצעהלונגען.

פערלאַג „פּראָגרעס", װארשא.

פערקויף: געז. „צענטראל", װארשא.

1913.

HARVARD UNIVERSITY LIBRARY

684

Тип. Г. Пиментъ и Я. Шваба, Сѣраковская 4.
ВАРШАВА,

אינהאלט:

פּיפּפּאָ ספּאַנאָ	7—66
פּולוויאַ	69—82
אַ שפּאַציִער הינטער'ן טויער	85—98

פּיפּא ספּאנאָ.

פּיפּפּאָ ספּאַנאָ.

גלייך ווי די פערצאַטיגע פערברע־
כער, וועלכע האָבען זיך געראַטעוועט פון דער געריכטס־פערפאָלגונג, באַלד ווי זיי האָבען נאָר דערגרייכט די ווינקלען פון מזבח, האָט ער זיך געפּרובט דורכצודרינגען אין דעם קדשי־קדשים פונ׳ם לעבען.

„שאַגרין לעדער" (באַלזאַק).

1.

אַקאָמעדיע.

— איהר זאָלט מיר נישט אַרויסגעבען, — האָט מאַריאָ מאַיל־וואָילטאָ צו זיינע צוויי גוטע פריינד געזאָגט — זאָלען זיי מיינען, אַז איך וועל נאָך צוריקקומען.

— דו ווערסט דען נישט צוריקקומען?

— איך מוז היינט זיין אין דערהיים. דער קאָפּ טהוט מיר שרעק־ליך וועה. ניין, בעסער איך אויסזאָגען דעם אמת, איך מוז יעצט זיין אליין מיט זיך.

— ווילסט אודאי נאָך אַמאָל דעם נצחון דיינעם בעקלערען! אַ גוטע נאַכט, גליקליכער פּאָעט.

— ווער ווייסט צי דו ווערסט גאָר קאָנען די נאַכט שלאָפען?

— ווער ווייסט. אַ גוטע נאַכט

מ אַ ר י אָ מ אַ י ל ו ו אָ י ל ט אָ איז נאָך געבליבען שטעהן אַ מינוט אויף די טרעפּ נאָכדעם ווי די חברים זײַנע זענען צוריק אַרײַנגעגאַנגען אין זײער צימער. דער באַנקעט, וואָס איז לכבוד איהם געמאַכט געוואָרען האָט זיך שוין געהאַט געענדיגט. רעכטס און לינקס האָבען זיך פאַר איהם טיעף פערבײגט צוויי ראָקאַיען בעהאַנגען מיט גאָלדענע לענטעס, אויסגלײַכענדיג אויף וויפיעל ס'איז נאָר מעגליך געוועזען זײער מאָגערע פיגור. ער איז אַראָב אונטען איבער די בלאַסע שווערע דיוואַנען אונטער פער־גאָלדעטע פאַרענמשען.

„מען דאַרף דעם כבוד אינגאַנצען געניסען" — האָט ער אַראָב־געהענדיג געטראַכט. זײַענדיג דאָרטען בין איך צופיעל געוועזען פערנומען מיט מײַן ראָליע. יעצט ערשט ווערט מיר דײַטליך אַלץ, וואָס דאָרטען איז פאָרגעקומען".

— וואוהין ווילען מיר פאָהרען, הער מ אַ י ל ו ו אָ י ל ט אָ ? — האָט דער קוטשער געפרעגט.

— קײן ס ע ט י נ י אַ נ אָ.

— נאָך וואָס האָט ער דאָס געפרעגט? צי האָט ער נישט געמײנט, אַז איך וועל נאָך פאָהרען צו מ י מ י ן? אָה מ י מ י, דו זײַדענע שמאַטע, וואָס פלאַטערט אויף אַלע זײַטען! וויקעלט זיך אַמאָל דעם אַמאָל יענעם אַרום האַלז. איך האָב איהר געקישט ווען עס איז אָנגעקומען מײַן רײַהע, איך האָב זאָגאַר אין דעם אַ גאַנצען ראָמאַן אײַנגעפלאָכטען. אָה מ י מ י, דו קלײנע קאָקעטקע מיט דײַנע לײַדענשאַפטען נישט נאָך דײַנע יאָהרען נאָך, אָהן אַ שאָטען פון עפּיס ערהאַבענעס אין דײַנע געפיהלען. איך האָב אין דיר דערוועקט לײַדענשאַפטען, וועלכע איך האָב אַלײן אויסגע־טראַכט; פאַר דאָרשט נאָך כבוד, פאַר בענקשאַפט האָב איך זיי אויף דײַן לעבענס־וועג פונאַנדערגעשטעלט. דו ביזט דאָך אָבער אַ גאַנץ געוועהנליך מײדעל געוועזען. פערצײַה מיר, מ י מ י.

„מיר שטרעבען, מיר רײַסען זיך צו עפּיס וויכטיגערס, עפּיס שטאַר־קערעס. עפּיס וואָס ניט איז, זאָל זײַן אַ מין מ י מ י. מילא, דאָס קאָן מען נאָך ווי עס איז ליעב האָבען גלײַך מיט וועלכע עס איז טראַגעדיע, דאָס בעריהרט דאָך אַזוי וועניג דאָס האַרץ. מײַן טראַגעדיע האָט הײַנטיגען אָבענד אָבגעהאַלטען אַ נצחון. יאָ, איך הויב אָן ווערען שטאַרק. מען מוז זיך אָבער צוריקהאַלטען פון קלײנע פערגניגען, זיי האַלטען נאָר אויף די שוואַכקײַט, וועלכע עס פערוועהרט מיר דער ד אָ ז י נ ע ר, וואָס קוקט אויף מיר אין מײַן צימער מיט אַנ'אַרויספאָדערנדיגען בליק"!

„וועט שוין אַמאָל נעמען אַן ענדע די דאָזיגע ענגע פלאָרענציע ?" האָט ער אונגעדולדיג אויסגערופען. איהם האָט זיך פלוצלונג פערגלוסט די לופט פון זיינע היגלען, וועלכע איז מיט וואָלקענדיגע אָליוועןבלעטער בעציערט און דורכגעוועקט פון לאָרבערבלעטער, וואָס האָבען ביטער אָבער צערטליך זיין מויל געקושט. אין די גאַסען האָבען נאָך אָבגעהילכט די ביינאַכטיגע טורמלענדיגע אָבקלאַנגען. דער שאָטען פונ'ם פערד און פונ'ם קוטשער האָבען זיך באַלד בעוויזען און באַלד ווידער פערשוואונדען געוואָרען פון די ווענד. ענדליך האָבען זיך פון דער פינסטערניש אַרויס בעוויזען די הייזער פון דער פאָרשטאָדט. אויף די נאָהנטע גערטנער איז געפאַלען דער שיין פון דער לבנה.

„איך, איך האָב איינגענומען יענעם היגעל דאָרטען וויט וויט, וואו מיין הויז שטעהט זיך אַזוי רוהיג. און נישט נאָר יענעם היגעל אַליין נאָר אַלע היגלען האָב איך איינגענומען".

„די גאַנצע געגענד, אַלע שטעדט, אַלע הייזער ביז דאָס סאַמע לעצטע, האָב איך געמוזט איינגעמען, דען קיין איינציגע האָט צו מיר נישט געהערט. קיין איינציג געהיים שטעגעלע אַפילו פון ערגיץ וואו אַ פערוואָרפען ווינקעל האָט פון מיר נישט געוואוסט... בעקלער זיך נאָר היינט גוט וועגען דעם. ביזט געבאָרען אויפ'ן ים, דיין מוטער געהער צו אַ פרעמד פאָלק, דיין דראַמאַטישע קונסט האָט געקעמפפט פאַר דאָס דאָזיגע לאַנד, פאַר יעדען שפאַן ערד, פאַר יעדען גראָבענדיל אויף איהרע פעלדער, ווי אַ פאַנטאַסטישער וואַנדערער אין אַ זאַק אָנגעקליידט, מיט שטריק אַרומגעגאַרטעלט רייסט זיך צו פערגיסען זיין בלוט.

נון שטעה איך אָבער פעסט. יעדער איינציגער אין איטאַליען ווייסט היינט אין וועלכען דאָרף און אויף וועלכען טיש ליעגט יענע בלאַטפאַפיער, וועלכע איך האָב בעשריעבען. דער גאַנצער טעאַטערזאַל זענען היינט ביינאַכט פאַר מיר בעזיעגטע און אונטערטהעניגע פאַרביינגען.

עלף מאָל האָט מען מיך אַרויסגערופען. ווי פריינדליך האָט די קעניגין מיט מיר גערעדט. דער גראַף טורין האָט מיר האַרצליך די האַנד געדריקט. דערנאָך דער באַנקעט, צוויי דעפוטאַטען, אַ טעלעגראַמע פון מיניסטער, היינט די גלענצענדע רעדע, וואָס דער בורגמייסטער האָט לכבוד מיר געהאַלטען, וואָס נאָך בעדאַרף איך, איז דען דאָס וועניג? און דאָך בין איך אונצופריעדען, דער באַנקעט איז געווען אָהן פרויען— אָהן פרויען!"

ער האָט אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ פון עקיפּאַזש און די גאָמבע

אויף זײַן האַנד אָנשפּאַרענדיג, האָט ער אין דרויסען געקוקט. ווײַט אַרום זענען די בליהענדיגע בוימער אינ'ם בלאַסען לבנה־שײַן פערטרונקען געווען, קומענדיג פאַר דעם בריק אַמענזאָן האָט זיך איהם אַרגע אָבגעדראַכט אַז אין דער הויך, זעהט זיך אַ צווײַטער עקיפּאַזש, נאָר באַלד איז עס פערשוואונדען געוואָרען. דער דעק פונ'ם עקיפּאַזש איז געווען אויפגעהויבען, דער קוטשער האָט גאָרנישט געזעהן.

„ווײַסען זײַ חאָטש די פרויען, אַז אַלץ טהוט מען סוף כל סוף נאָר צוליעב זײַ? אײניגע פון זײַ מאַכען דעם אָנשטעל ווי זײַ וואָלטען גלויבען אין גײַסט. יאָ אין גײַסט — דאָס דאָזיגע אונבעהאָלפענע קינד. וואָס ווען נישט די מיטווירקונג פון געפיהל וואָלט עס נישט קאָנען נישט שטעהן, נישט געהן. מיר האָבען נאָר געפיהל, דאָס איז אונזער גאַנץ פערמעגען; אָבער אויף וואָס נוצט עס אונז, און וואָס פאַר אַ בעלוינונג בעקומען מיר דערפאַר? אָ, אַז מען זיצט בײַם שרײַב־טיש און מען טראַכט וועגען פרויען ווערט מען שוין עפּיס רעכטס נישט אָנשרײַבען. ווײַסען זײַ דאָס די פרויען? אָ, וואָס פרעג איך גאָר אַזאַ נאַרישע פראַגע? איז דען זײַער נישט גלויבענדיגע בעציהונג צום טאַלענט אַ קנאַפּער בעווײַז ווי נאַריש זײַ זענען? איז דען זײַער געגעבען דאָס פאָרצוג יעדען נאַרען, וואָס גיט זיך זײַ אין גאַנצען איבער ווענינג בעווײַז ווי פּוסט זײַ זענען? און זײַער בעציהונג צו ביכער? פרויען און ביכער דאָס זענען עביגע שונאים.

אַ צוואַנציג־יעהריגער פּאָעט, האָט זײַ פיעל, זעהר פיעל צו זאָגען, ער שווײַגט אָבער, ווײַל ער בעזיצט צו פיעל לײַדענשאַפט און דאָס געפעלט נישט די דאָזיגע בעשעפעניסען, וועלכע פערשטעהען נאָר דאָס פער'שכור'נדיגען דאָרשט נאָך כבוד. איך האָב דאַמאָלס פאַנטאַזירט פון יעדערער, וויפיעל זײַ זאָלען דאָרטען נישט זיצען אין זאַל, אָדער אין עקיפּאַזש אויף קאָרסאָ. מיט אַ פאַנאַטאַסטישער ענטשלאָסענהײַט, מיט'ן גאַנצען לעבען וואָלט איך מיך געהאַט געוואָרפען צו די פיס פון דער דאָזיגער, וועלכער וואָלט זיך מיר אין ליעבע ערקלערט. אָבער זײַ זענען נישט אַזוי נאַריש. נישט איין אײנציגע פון זײַ פיהלט די נויטווענדיגקײַט אונז צו טרײַסטען אין אונזערע נערוועזישע אויפרײַצונג. קײנמאָל וועלען זײַ זיך נישט קאָנען אײַנלעבען מיט אונזער פײַנפיהליגקײַט. טרײַ וועלען זײַ נאָר בלײַבען דעם, וואָס קאָן זיך גוט פערשטעלען; איהם וועלען זײַ ווי דאָס אויג אין קאָפּ היטען, דערצו זענען זײַ געשאַפען. אַלײן נישט וויסענדיג צו וואָס זײַ, די פרויען, זענען בעשטימט, צווינגען זײַ אונז

מיר זאלען צוליעב זיי פערלארען געהן. די פרויען זענען אין דער מענשהייט דאס וואס לאזט זיך נישט צעברעכען, און איך פערגעטער זיי דעריבער, ווייל איך פערגעטער די קראפט.

„טיעף פון מיין בעשיידענעם ווינקעל האב איך זיך דאסאלס פלוצלונג ארויסגעהויבען — זיך און די קליינע פרינצעסין נ א ר א. אח, וואס פאר אנ' איבערראשונג! אט דער קליינטשינקער לעהרער'ל מיט זיין עקעלדיג פיגור'ל, וועלכע די דאמען האבען איהם אפילו זייערען א פעקיל צו טראגען נישט געוואלט געבען, זאל זיך אזוי וואס אונטערשטעלען! מיט דער דאזיגער פערצווייפעלטער אויפפיהרונג מיינער האב איך זיי אלעמען איבערראשט, זיי אלעמען מיט אמאל ערנידעריגט. און דאס אוועקרויבען די פרינצעסין נ א ל י פ א ל י איז וועניג? פאר וועמען דארף איך מיר יעצט שעמען? און דאך איז מיר נאך דעם אלעם געבליבען די געוואוינהייט צו קוקען מיט אראבגעלאזטע אויגען; יעדע דרייסטקייט נעגען וועלכע ס'איז פרויענצימער האט זיך מיר פון דאמאלס אן גוט איינגעגעבען; נאר יעדעס מאל האב איך זיך געמוזט צווינגען.

„מען ווארפט מיר פאר, אז איך בין נישט גענוג עדעל, אז איך בין צו פרעך. איינער פון די שטענדיגע קלוב-געסט האט נישט געוואלט געהן מיט מיר אויף א דועל, און איינער עפיס אנ'עהרען-געהיים-ראטה האט געזאגט, אז יענער איז גערעכט. אה, נאראנים, נאראנים, זיי האבען נישט געקאנט טרעפען, אז מיין נישט עדעלקייט שטאמט נאר פון מיין שרעקען זיך פאר מיין אייגענער ווייכליבקייט, איך לייד דורך מיין צופיעל פערשטעהן, דורך מיין צופיעל נאכדענקען. דורך מיין צופיעל פאראויסזעהן יענעמס אומגליק. אבער אלעס ענדיגט זיך ביי מיר מיט א נצחון. וואס פאר א זעלבסט-בעהערשונג האב איך בעדארפט צו האבען, ווען איך האב די קליינע פרינצעסין נ א ר א אוועקגעווארפען, געשענדעט און פון דער געזעלשאפט פערשטויסען. נאך היינטיגען טאג, ווען איך טרעף זיך מיט איהר אין די הויכע וועלטליכע קרייזען אין רוים, פיהל איך עפיס א מין שרעק.

„און פיהל איך דען נישט עפיס א מין שרעק צוליעב ט י נ י ע ן, די גרויסע דראמאטישע ארטיסטיק. וואס ליידט אזוי צוליעב מיר?

מ א ר י א מ א י ל ו ו א י ל ט א האט דעם קאפ צוריק אין עקיפאזש אריינגענומען און געקוקט אויפמערקזאם אויף די הויכע בערג-שפיצען פון דער ווייטענס, וואו הינטער די גרויסע שטראהלען פון דער לבנה האט זיך דער שלאס געזעהן. א קליינינקער, בלישצענדיג-רויכעריג פייער'ל, האט זיך ווי א געהיימער געדאנק בעהאלטען הינטער א בוים, וואס האט ווי א

דוימליבער וואלקען אויסגעזעהן.

„וואו איז זי היינט אין דער וועלט? אה, לאנג האב איך שוין פון איהר קיין ידיעה נישט געהאט. אבער האב איך איהר דען פעראורזאכט אזינע שמערצען, וועלכע זי זאל מיר פריהער אליין נישט האבען געגעבען צו פיהלען? ווער איז נאך אזוי פראקטיקירט אין ליידען און אין די סבות זייערע ווי מיר ביידע? מיר ווייסען, אז ערגעץ קאנען מיר נישט אזוי ארבייטען, אז קיינמאל זענען מיר נישט אזעלכע גרויסע קינסטלער, ווי זענענדיג צוזאמען איינער מיט דעם אנדערן. און נישט קוקענדיג אויף אלע קללות, אלע שוואכהייטען און פיינדשאפט וואס איז צווישען אונז פארגעקומען, ווארפען מיר זיך פונדעסטוועגען נאך אמאל און נאך א מאל איינער צום אנדערן. אין דער גאנצער וועלט איז נישטא אזא קאמעדיע, וועלכע זאל גלייך זיין צו אונזער ליבע. הינטער אונזערע אלע ליידענשאפטען, הינטער אונזערע אלע ווילדע אויפפיהרונגען. אין וועלכע דאס לעבען ברענט זיך אויס, הינטער דעם אלעם בעהאלט זיך די קונסט אונזערע, דער צווייזייטיגער געלעבטער פון אנ׳אקטיאר, וועלכער זוכט דארשטיג נייע איינדריקען פאר נייע ראלען.

„פון צייט צו צייט בעווייזען מיר איינער דעם אנדערן, אז מיר שפיעלען בלויז א קאמעדיע. אבער ביי ביידען רייסט זיך פלוצלונג ארויס אנ׳עקעל, און מיר רוקען זיך אב איינער פון דער אנדערער. אבער קוים נעהען פערביי א דריי-פיער חדשים בעווייזען מיר זיך פון דאס ניי אויף דער איגענער רעפעטיציע. דאס איז די פפליכט פון אונזער בערוף. דא האט מיט ליעבע גארנישט צו טהון, עס האט גארנישט צו טהון מיט יענער ליעבע, צוליעב וועלכע יונגע בחורים שלאפען נישט גאנצע נעכט, יענע ליעבע פון וועגען וועלכע מען פאנטאזירט פון כבוד און רוהם. איך וואלט איגענטליך געוואלט וויסען, נאך וואס טויג דער כבוד, אז ער ברענגט אונז נישט קיין ליעבע... כבוד און ליעבע דאס זענען צוויי גלייכע איינבילדונגען. וואס מעהר ענערגישער, וואס מעהר ענטשלאסענער דו שטרעבסט צו זיי צוצוקומען, אלץ ווייטער רוקען זיי זיך אב פון דיר. זייענדיג נאך גאנץ אונערפאהרען האב איך געשטרעבט נאך א כבוד, וואס איך האב מיר אין דער פאנטאזיע פארגעשטעלט, איך האב עס מיר אין א בילד אויסגעמאלט: א קעניג לעגט מיר א גאלדענעם קראנץ ארויף אויפ׳ן קאפ. נון בין איך טריט פאר טריט צו דער מדרגה געקומען, בין איך היינט גליקליכער ווי דאמאלס? דערוועקט עס אין מיר עפיס בעפרידיגענדערע געפיהלען? געניס איך דעם כבוד נאך וועלכען איך האב געשטרעבט? ווער, ווער עס געניסט עס, איך אודאי נישט!

(פארטזעצונג קומט)

„איך װיל מען זאָל אויף מיר זאָגען: אָט דער מאַילװאָילטאָ בעגעהט זיך מיט פרויען און מיט'ן לעבען מוטהיג און ענטשלאָסען — ער האָט אפילו נישט קײן גאַנץ גוטען נאָמען! דאָס איז אָבער אַנ'אײזערנער קעמפפער פאַר'ן לעבען, און דערינגען ליעגט די נשמה פון זײַן קונסט. די גרויסקײַט און מאַכט פון זײַן שטאַם האָט װידער אויפגעלעבט אין דעם פאָעט. די אויפלעבונג איז װידער געקומען און איז גרײַט זיך פונאַנדער צו בליהען... אָט װאָס מען בעדאַרף װעגען מיר צו רעדען! און קײנער בעדאַרף נישט האָבען דעם קלענסטען חשד װעגען מײַנע ביטערע לײַדען, װעגען דער ער־נידערונג צו װעלכער יעדע פרוי ברענגט מיר, יעדע גרויסע קינסטלערישע שעפּפונג, יעדער געזונדער מענש; קײנער בעדאַרף נישט װיסען דערפון, אַז פאַר יעדעס בלאַט פון מײַן לעבענס־בוך, װאו עס שלאָגט מיט ליאַרם דאָס זודיגע בלוט פון'ם װירקליכען לעבען — מוז איך בעצאָהלען מיט מאַכטלאָזע טעג און היגעניש־מיטלען. איך װיל נישט מען זאָל דעם מינדסטען חשד װעגען דעם האָבען. יאָ, הינטער דער פאָלקאָמענער שענהײַט שטעהט שטענדיג דאָס לײַדען מיט אַנ'אויס געשטרעקטען מעסער אין האַנד. האָב איך דען נישט דאָס רעכט צו זײַן שטאָלץ?

אַ טרויער פער'גנב'ט זיך אָבער אַרײַן אין מײַן שטאָלץ, דען איך װײס, אַז מײַן שעפּפונג איז נישט מיט קײן אמת'ער קראַפט בעשאַפען. נאָר בלויז מיט דעם װילען צו קראַפט; איך שטאָלציר מיט מײַן לעבען אָהן אמת'ער קראַפט, דאָס לעבען װעלכע די לײַדענשאַפטליכע שטרעבונג בלויז, הויבט אין דער הויך. נאָך אַלע די נצחונות און כבוד, װאָס איך האָב געהאַט, פאַנטאַזיר איך נאָך שטענדיג װעגען פרויען. איך פאַנטאַזיר װעגען זײ װי אַ צװאַנציג יעהריג יונגעל, אָבער אָהן שום האָפנונג. װײַל איך בין שוין דערגאַנגען װאָס דאָס הײסט אַ פרוי, — איך װײס, אַז זי װעט דעם קאָמעדיאַנט קײנמאָל נישט בעפרידיגען. די פרוי האָט צופיעל עהנליכקײַט מיט מיר: װאָס קאָן זי מיר, אָדער װאָס קאָן איך

איהר געבען ? זי איז אַליין דאָרשטיג נאָך אַפּלאָדיסמענטען. זי וויל, אַז מען זאָל פאַר איהר מיט ליידענשאַפט צאָהלען: פאַר מיר איז דאָס אַ צו־טייערער ביסען. איך ברויך מיינע געפיהלען, איך זאָל מיט זיי פאַר'ן פּובליקום זיך פונאַנדערשפּיעלען. איך קאָן מיין נשמה נישט פערשווענדען; איך דאַרף מיט איהר אַנדערע אָנשבור'ן. וואָס מעהר איך דערוויימער מיר פון לעבען, דאָס אָרעמער ווערט מיין אייגען לעבען.

נאָר יענע אֶמת'ע פרוי. וועלכע איז נישט גלייך צו אַלע אַנדערע פרויען, יענע פרוי וועלכע גיט זיך אָהן איבערלעגונג די ליידענשאַפט איבער; וועלכע צווייפעלט אין קיין שום זאַך נישט, וואָס פאָדערט נישט קיין מיטגעפיהל, נישט קיין פיינינגען; וועלכע נעמט איהר גאַנץ לעבען צוזאַמען און וואַרפט עס אָהן שום איבערקלערען אין מיין לעבען אַריין. נישט קוקענדיג וואָס די וועלט וועט דערויף זאָגען, נישט טראַכטענדיג וועגען דער צוקונפט. אָט אַזאַ פרוי קאָן מיר סעבטיג און שטאַרק מאַכען, אַזאַ פרוי וועט מיט מיר צוזאַמען לעבען און שטאַרבען; אָבער אַזאַ פרוי איז פאַר מיר נישטאָ. ווען עס זאָל אַפילו געשעהן אַ נס, עס עפענט זיך אויף די טיהר און עס קומט אַריין אָט אַזאַ מין פרוי, וואָלט דער נס נאָך נישט געווען קיין גאַנצער, ווייל עס וואָלט ביי מיר, אין מיין לעבען פאַר איהר קיין אָרט נישט געווען; זי וואָלט פאַר מיר צו גרויס, צו שטאַרק געווען ביי מיר איז נאָר דאָ אָרט פאַר די בענקשאַפט נאָך אַזאַ מין פרוי!

„ווי האָב איך זיי ווידער אַלעמען היינטיגען אָבענד בעגעהרט, — אויף דער סצענע, דורך דאָס לאָך אין פאָרהאַנג, הינטער וועלכען איך האָב מיין אָרט געהאַט, אָה, ווי האָב איך זיי בעגעהרט אַלעמען!"

מאַריאָ מאַלוואָלטאָ האָט דעם קאָפּ צום רוקען צו אַריבערגעבויגען און אָבזיפצענדיג האָט ער זיך טיעף אין די בלאַסע שטערען פערקוקט.

„איך האָב זיי כמעט אַלעמען געקענט, אַנדערע האָב איך ווירקליך אין מיינע אָרעמס געהאַט, און אַנדערע האָב איך געקאָנט האָבען. צו וועלכען צוועק? נישט דען צוליעב דעם, איך זאָל זיך מיט דעם קאָנען בענוצען. אום מיין סענטימענטאַלען געפיהל צו ענטוויקלען אָדער, אום צו האָבען אַנ' ערפאָלג ביי דער געזעלשאַפט, ווי למשל ס'איז געווען דער פאַל מיט דער קליינער נאָראַ, אָדער כדי אויסצולערנען צוואַנציגערליי ראָלען, ווי מיט דער דראַמאַטישער אַרטיסטקע מיניע? אָדער אפשר גאָר צוליעב

דעם זיי זאָלען סוף כל סוף דערגרייכען ווער איך בין און מיר מיט בעלייד־גענדער פערראַכטונג פון זיך אָבשטויסען... ווערסט מיר ווערען רייסענדיג מיט די אויגען די שטערען דאָרטען, אין דער הויך, איינס נאָכ׳ן אַנדערן און אין דער האַנד סוף כל סוף גאָרנישט האָבען!

„אַח, ווי זיי האָבען היינט געשיינט אין די לאָזשעס!

ער האָט זיך אויף אַ גרויסען בלישצענדיגען שטערען פערקוקט.

„ל י נ אָ צ צ אָ. אַ פלאַטשיגע און אַ לאַנגע עגיפּטישע נאָז, לענגליכע אויגען, איינס נאָהנט צום אַנדערן, די ברעמען האַרט אונטער די שוואַר־צע און געדיכטע שמעקעדיגע האָר. ווייטער אַ ביסעל אַ ווייך מייַלעכעל, אַ פּייַכטס, אַ ריהרעוודיגס. מעהר ווי אַלץ איז זי פערפיהרעריש ווען זי האַלט ביים מויל דעם געהל־בלישטשעדיגען פעכער איהרען, אָדער ווען זי צולאַכט זיך, פערוואַרפענדיג אַהינטער דאָס קעפּיל איהרס מיט די קויל־שוואַרצע אויגען, ווען איך בין געווען אין דער קעניגינס לאָזשע, האָט זי די גאַנצע צייט געקוקט אַהין צו. זי איז ערגייציג, זי וואָלט איך געקאָנט בעקומען.

זיינע אויגען האָבען זיך צו אַנ׳אַנדער שטערען געווענדעט.

„ב אָ ג ר אָ פ י נ אַ ל ע. אַ פולער פראָפיל מיט אַנ׳ אַראָבגעהאָנגענער גאָמבע, ווילד בלישטשענדיגע אויגען אונטער אַ געדיכטען הויפען ברוינליך־רויטע האָר, וואָס פאַלען איבער דעם פראַכטפולען גאָרנאָסטאַיענעם קראַגען אַריבער. זי איז געווען איינע פון די ערשטע, וועלכע האָבען מיך אין דער הויך אַרויף געהויבען.

„צום ערגסטען איז ל אַ נ ק ר ע ד אָ נ י. אַ מאָגערע פּרינצעסין מיט אַ טונקעלע הויט, אַ שטייפער האַלז האַלט אונטער דעם קאָפּ מיט די קרומע ליניעס פון דער נאָז און שטערען. די קאַנטיגע אַרבעל לאָזען זיך גאַנץ טיעף אַראָב אונטער די נאַקעטע אַקסלען. אונטער׳ן קאַלטען גלאַנץ פון איהרע ברילייאַנטען געגלעצט זי, די פּרינצעסין... און היינט ביי נאַכט הינטערן פאָרהאַנג האָב איך איהר איבערוועלטיגט! מיט שטאָלצען נצחון האָב איך זיך צו איהר דערהויבען, וויסענדיג, אַז איך געניס פון איהר מעהר ווי דער וואָס האַלט זי יעדע נאַכט אין זיינע אָרעמס. וואָס איז אָבער דערפון איבערגעבליבען? אפשר איינינגע שורות, וואָס איך וועל אָבגעבען צום דרוקען. אָבער פאַר מיר גופא, פאַר מיין נשמה?...

„די יונגע מיידלעך! זיי זענען זיך דאָרט געזעסען, גאַנץ נאָהנט, און מיט ליכטיגע אויגען געקוקט אין דער וועלט, וואו עס איז קיין ווע־

נישטאָ. קאַנטאָדזשי האָט זיך דורך דאָס לעכעל אין פאָרהאַנג מיט מײַן בליק אַנ׳ אויגענבליק בעגעגענט. איך האָב זיך שטאַרק דערשראָקען פאַר איהר בליק. וועלכע זי האָט געוואָרפען נישט ווילסענדיג וואוהין.

„וועלכע פון זײַ אַלעמען וועט קומען, מיך אָננעמען פאַר׳ן האַנד און אַוועקפיהרען צו זיך אַ היים, אין אַ לאַנד וואו מען פיהלט שטאַרקער און אונשולדיגער?

„נישט איין איינציגע. ווײַל זײַ אַלײַן בעדאַרפען זיך נײַטיג ווי לעבען אויסלערנען די קאָמעדיע. דזשעמאַ קאַנטאָדזשי, נאָך גאָר אַ קינד, נאָר וואָס פון דער נאַטור אַוועקגענומען, האָט התונה מיט לאַנטען, דעם אָבגעלעבטען זולל וסובא. אַ שענער זווג, חלעבען.

„פּרוב נאָר פערלאַנגען פון איינע פון זײַ, זי זאָל אָן זיך פערגעסען — וועסט דו, דאַכט זיך, פון זײַ אַפילו נישט צו הערען בעקומען. אונטען אין פאַרטער איז עפּיס געזעסען איינע, אַנ׳אומבעקאַנטע: אַ שענע, אַ שטאַרקער פּראָפּיל אונטער סאַמעטענע בענדער פון אַ ברײַטען הוט. אַ פונאַנדערגעבלאָזענער האַלזטוך ביז די סאַמעטע ליפּען האָט איהר אין אַ ראָזיגען גאַז פערוויקעלט“...

מאַריאָ מאַילוואָילטאָ האָט נאָך אַלץ פאַנטאַזירט, ווען זײַ זענען אויף דעם סאַנטיאַנאָ־פּלאַץ אַרויפגעקומען, דער נידעריגער, פלאַכער קופּאָל פונ׳ם קלויסטער איז פון דער לבנה מיט אַ בלאָהעם פודער בעשאָטען געוועזען. איינציגווײַס זענען די לאַמטערן אויסגעשטאָרבען, אין דער אויסגעשטערנטער נאַכט. וואָס אין איהר אונענדליכע טיעפקײַט איז אויף דעם הינעל דאָס שטעדטיל רוהיג געשלאָפען.

פון ערגעץ וואו האָט זי אַ שאָרכען געהערט. מאַריאָ מאַילוואָילטאָ האָט דערזעהן, אַז אויף דער לאַנגער גאַס הינטער איהם בעוועגט זיך עפּיס אַ טונקעלע זאַך! דאָס איז געוועזען דער איינענער עקיפּאַזש, וואָס האָט זיך פריער געזעהן; דער דעק זײַנער איז געוועזען אויפגעהויבען. אַ ליכטיגער לבנה־שטרייף האָט זיך פלוצלונג הינטער זײַ נאָכגעגליטשט, עפּיס אַ ווײַסע זאַך האָט פון דערווײַטענס אַרויסגעשטעקט. „וואו אין דער געגענד קאָן איינענטליך זײַן דאָס הויז צו וועלכען דער דאָזיגער עקיפּאַזש פאָהרט?“ „אין ערגעץ נישט“, — האָט דער קוטשער אָבגעענטפערט. ענדליך איז דער עקיפּאַזש אין שאָטען פערשוואונדען געוואָרען,

זײַ זענען פון גאַס אַרויס און האָבען זיך עטוואָס פון באַרג אַראָבגעלאָזט. מאַריאָ מאַילוואָילטאָ איז פון עקיפּאַזש אַרויסגעקראָכען, האָט איינינע טריט געמאַכט, דערנאָך עקף מרעפּען הויך אַרויפ־

געשטיגען און פּאַר זײַן טיר שטעהן געבליבען, די טיר איז אָפען געװען. דער שלאָפעדיגער דינער איז בײַן שװעל געלעגען,

אַריבערטרעטענדיג איבער דעם דינער, האָט מ אַ ר י אָ מ אַ י ל־װ אָ י ל ט אָ גענומען פון פּאָדערהױז די לאָמפּ װאָס איז דאָרט אויף אַ טיש געשטאַנען, איז אַ פּאָר טרעפּלעך אַרױפגעשטיגען און אין זײַן אַרבײַטס־צימער אַרײַנגעקומען. די פרויען־ביוסטען אין שמאָלע אַלטע קלײדער האָבען פון ביבליאָטעק־שראַנק איהם בלאַס ענטקעגען געשמײכעלט געהײמניספול; אין דער לבנה שײַן האָט זיך אויסגעװיזען, אַז דער גרויסער פּערל אויף זײער גיפּסענעם שטערן שאָקעלט זיך אויף דעם קײטעל.

אין צימער איז געװען אַזױ ליכטיג, אַז מאַילװאָילטאָ האָט געמוזט די לאָמפּ אויסלעשען. די שמעקעדיגע גראָזען אין גאָרטען, װאָס האָבען זיך געצויגען אין דער לענג פון דעם היגעל ביז צו דער סאַמע שטײנערנע װאַנד און זיך װי אַ לויבע אויסגעפלאָכטען, האָבען יעצט געפינקעלט אין אַ בלאַסען און פראַכטפולען צויבער. די גליצען־בלעטער זענען איבער די טרוקענע אָבגעשטאָרבע ציפּריסען װי אַ זילבערנער מאַנטעל געהאַנגען. אין די טיעף אַראָבגעבוינע קוסטעס האָבען זיך קאַמיליען־בלומען געװיזען װאָס האָבען װי בײזע רוחות אויסגעזעהן.

ער האָט זיך װידער אין צימער אַײנגעקוקט און זיך דערשראָקען. איהם האָט אין פלוג געװאונדערט, װאָס דער ריזיגער מענש דאָרט, אויף דער העלע װאַנד, רײַסט זײַן שװערד פון שײד אַרויס. אין די געדאַנקען זײַנע האָט זיך מ אַ ר י אָ מ אַ י ל װ אָ י ל ט אָ װידער גע־װענדעט צו איהם, צו דעם פּאָרטרעט, דער אײנציגער װאָס האָט טאָג פאַר טאָג געקוקט אויף זײַן אַרבײַט:

„נון זענען מיר װידער בײדע צוזאַמען. פערלאָזענדיג דיר הײַנט אָבענד בין איך זעהר צופרידען געװען מיט דעם קאַמפּף, װאָס מיר שטעהט פאָר, אַ קאַמפּף װאָס האָט מיר געזאָלט ברענגען אָדער אַ רוהם־פולען נצחון אָדער אַ שרעקליכע מפּלה. איך האָב אַ נצחון אָבגעהאַלטען. אין װײַן און אין רעדעס לכּבוד מיר איז מײַן נצחון אַלץ גרעסער, אַלץ רוהמפולער געװאַקסען. זיכער מיט מײַן זיגער־פאָהן בין איך פון דאָרטען אַװעק. אָבער אויפ'ן װעג, אין דער לבנה־ליכטיגער נאַכט, פול מיט ליכטיגע געדאַנקען איז דער נצחון אין אַ מפּלה פערװאַנדעלט געװאָרען, — און די דאָזיגע שטומע, בלאַסע מפּלה, איז פיעל ערגער געװען װי איך װאָלט אויף דער סצענע אויסגעפײַפט געװאָרען.

האָסט דו אויך שוין געזעהן אַ מאָל, — האָט ער װײַטער צום ביל

נֶערֶדט, ווִי דעֶר נצחון, בַּאלד נאָכדעֶם ווִי מעֶן האָט שׁוין אִיהם דִי לֶעצטֶע און שטַארקסטֶע טֶענֶער פון לויבּ-געֶזאַנג אָבּגעֶזונגעֶן, וועֶרט פלוצלונג פעֶרשוואונדעֶן, האָסט דו עֶס געֶזעֶהן? עֶנטפעֶר דאָךְ, פִּיפָּאָ סְפַּאנָאָ!

„שטַײף און פעֶסט זִיךְ אָנשפַּארעֶנדִיג מִיט דַײנֶע אַײזעֶרנֶע פִּיס שטעֶהסט דו, האַלטעֶנדִיג אויסגעֶבּויגעֶן דַײן רִיעזִיגעֶן שווֶערד אִין דַײנֶע בּראָנזעֶנֶע העֶנד. שמאָלֶע מאַנקעֶטעֶן טראָגסט דו און געֶשִיקט בִּיזט דו, גרַײט צום שפּרִינגעֶן, צום יאַגד, צו מלחמה, צו ווַײן און בּלוט. אִין דִי קלאַנגעֶן פון דַײן נאָמעֶן פִּיפָּאָ סְפַּאנָאָ העֶרט זִיךְ שוין דעֶר סווִישטש פון געֶשלַײדעֶרטעֶן געֶוועֶהר אִין דעֶר לופט, דעֶר שטַארקעֶר קלאַפּ פון אַ שווֶערד. אִיבּעֶר דַײן בּרַײטעֶר בּרוסט הויבּט זִיךְ דאָס אַײזעֶן, און דַײנֶע שמאָלֶע הִיפטעֶן זעֶנעֶן אַרומגעֶגאַרטעֶלט מִיט גאָלדעֶנֶע פאַסעֶן, וועֶלכעֶ פִינקלעֶן אויף דַײן העֶלבּלויעֶק מאַנטעֶל. דַײן גאָמבּעֶ אִיז קורץ און דִיק, און העֶרשוִיכטִיג שטאַרצט אַרויס דַײן מויל פון דַײן מאָגעֶר געֶזִיכט, וועֶלכעֶ אִיז סִיט טונקעֶלֶע לאָקעֶן אַרומגעֶזוימט. מִיט ווַײס אויפגעֶרִיסעֶנֶע אויגעֶן קוּקסט דו מורא'דִיג אַרום זִיךְ. און קוּקט מעֶן לאַנג אויף דַײן געֶזִיכט מַײנט מעֶן, אַז דו הויבּסט אָן צו שמַײכלעֶן. דאָס פעֶסטעֶ גלויבּעֶן אִין זִיךְ גופא רופט דאָס דעֶם דאָזִיגעֶן שמַײכעֶל אַרויס, דעֶם שמַײכעֶל וועֶלכעֶר בּרויזט אויף, געֶהט אִיבּעֶר אִין אַ שרעֶק, שמִידט צו ווִי מִיט קַײטעֶן יעֶדעֶן וואָס שטעֶלט זִיךְ דִיר אַנטקעֶגעֶן, און מאַכסט אִיהם עֶנדלִיךְ בּײגעֶן פאַר דִיר.

„אַה, ווִיפִיעל לַײדעֶן האָסט דו געֶמוזט אויסשטעֶהן, דו און דעֶר קִינסטלעֶר וואָס האָט דִיר געֶמאָלעֶן, דעֶר קִינסטלעֶר, וואָס אִיז אויךְ אַזוי ווִי דו מעֶכטִיג געֶוועֶן, ווִי דו בּעֶזִיעגעֶר פון דִי טעֶרקעֶן. פעֶרשטעֶל דִיךְ נִישט, אִיךְ העֶר דַײן גוואַלדִיגעֶן געֶשרַײ, ווען עֶמִיצעֶר האָט אַ קלאַפּ געֶגעֶבּעֶן. אִיךְ זעֶה ווִי דַײן בּלוט האָט זִיךְ געֶגאָסעֶן, ווען דַײן פרַײנד האָט דִיר דעֶם שונא אויסגעֶגעֶבּעֶן. אִיךְ בּעֶמִיה זִיךְ מִיטצופִיהלעֶן דעֶם בּרעֶנעֶנדִיגעֶן וועֶהטאָג, וואָס דו האָסט אִיבּעֶרגעֶלעֶבּט, ווען דִי פרויעֶן האָבּעֶן זַײעֶרעֶ שאַרפעֶ נעֶגעֶל אִין דַײן האַרץ אַרַײנגעֶשטעֶקט!"

מאַרִיאָ מאַילוואָילטאָ האָט דִי העֶנד אויף זַײן בּרוסט צעֶנויפגעֶלעֶגט. עֶר אִיז צוגעֶגאַנגעֶן נעֶהנטעֶר, שטאַר אָנגעֶקוּקט דאָס פאָרטרעֶט און אָנגעֶהויבּעֶן שעֶפּטשעֶן:

„זעֶהסט דו, אָט פון אַזאַ מִין פעֶר'שכור'ט ווערעֶן פאַנטאַזִיר אִיךְ! אִיךְ בִּין צִי שוואַךְ, צו נִיכטעֶר דעֶרצו, דרִיבּעֶר בּעֶשאַף אִיךְ וועֶנִיגסטעֶנס

אַזעלכע מענשען. וועלכע זאָלען מיר דערצו דעם מוטה אײַנגעבען. די בעדאַרפסט אין מיר דערוועקען אַנ׳עקעל צו די מיטעלמעסיגע פרייַדען און די טעגליכע לײַדען מיט וועלכע מיר שטעלען זיך צופריעדען, מיר שוואַכינקע און צו שפעט אויף דער וועלט געקומענע. די קונסט אונזערע נעהרט זיך מיט מאַטע, לײַכטע לײַדען אָהן וועלכע עס איז גרויסקייט, מיט קלײנע. שפּל׳דיגע, נערוועזישע איבערלעבונגען. מיר בירגערליכע בעשעפּענישען פילען אָן אונזערע זיעבציג יאָהר, אונזער גאַנצען לעבענס-לויף מיט עטליכע גראָשענדיגע שמערצען און מיט האַלב-גראָשענדיגע פערגניגען. דער קינסטלער פערגראָבט זיך טיעף אין זײַן פערשאָטענער נשמה און מיט אַ פײַנדליכע איראָניע לאַכט ער זיך אויס פון אַלץ וואָס איז שטאַרקט און גלאַנצט מיט העלע קאָליערען.

„איך וויל אָבער אַנדערש לעבען! איך וויל פערשווענדען. אין דעם קורצען לויף פון מײַן לעבען דאַרף די קונסט בעשאַפען אַ לעבען פיעל שטאַרקער, פיעל מעכטיגער ווי דאָס געוועהנליכע. איך וויל גאָרנישט וויסען פון זיך. פונ׳ם שוואַכען. סײַ ווי סײַ וועל איך מיט זיך צופיעל פערנומען זײַן. איך וויל אין פרעמדער, אין גאַנצען פרעמדער שענקייט, אין פרעמדע לײַדען מײַן לעבען אויסלעבען. אין פרויען וועלכע איך האָב צום קרבן געבראַכט; בעריהמטע מענער, וועלכע בעגעהרען צופיעל; קינסטלער וואָס וואַרפען זייער גיהנם׳דיג לײַדען אין מאַרמאָר אַרײַן, האַקען פון לעהם טײַוועלשע פיגורען אויס. אָט אין יענע לײַדען, אין יענע לעבענס וויל איך לעבען, צו זיי וויל איך געהן און מיט זיי וויל איך וואהנען, איך וויל געהן צו די וואָס הערען זיך צו די קאַפּריזען פון זייערע נערוון נישט צו, וואָס זייער גורל איז אין זייער אייגען פויל פליסעדיגס בלוט נישט אָבהענגיג.

„ווי אין אַ שענע, מעכטיגע וועלט, וואָס איז מיט שטעכעדיגע דערנער און גראָזען בעוואַקסען, דרינג איך אין זייער לעבען אַרײַן. אין אַ לעבען וואָס איז פול מיט מוטווילינקייט, אין אַ לעבען וואו מען גיט זיך פער-שכור׳טערהייד איבער, אין אַ לעבען וואָס מען לעבט מיט אײנמאָל און שטאַרבט מיט אײנמאָל.

„די פרוי אָבער, וועלכע דו פּיפּפאַ ספּאַנאָ וואָלט געקאָנט ליעבען, די פרוי נאָך וועלכע איך שטרעב אַזוי שטאַרק אין מײַן פאַנ-טאַזיע, זי טרעט צום לעצטען אויף דער וועלט-סצענע אַרויף, טרעט אַרויף, בעפרייט דורך מיר פון בייזען כשוף. נישט וואָהר?"

מאַריאָ מאַילוואָילטאָ האָט זיך פֿערגעסען וואו ער איז און אָנגעהויבען העכער רעדען.

„נישט אמת, יענע פרוי וועט מיר אַרויסקומען ענטקעגען? גלויבסט דו אין דעם, פּיפּפּאָ ספּאַנאָ? זי וועט אַרויסגעהן...

פלוצלונג האָט ער אויפגעהערט רעדען: די פֿרוי איז אין זײַן צימער געשטאַנען:

אויף דעם שוועל פֿון'ם קלײנעם ווײס-געמאָלענעם נאַכט צימער איז זי געשטאַנען, בעלײַכטעט פֿון צוויי לבנה-שטראַהלען, וואָס זענען פלוצלונג אויף איהר געפֿאַלען, זי איז אין גאנצען ווי די לבנה ווײַס געווען. איהר בלייך געזיכט מיט'ן קורצען געזעל און פֿעסטע ליפּען זענען מיט שוואַרצע לאָקען אַרומגעזוימט געווען. ווען זי האָט זיך בעוועגט האָט זיך פֿון איהר נישט גרויסע, שלאַנקע פֿיגור, פֿון איהרע אַקסעל און דעם רוקען זילבערנע אויסגעהאַפּטענע בלומען אַהין און אַהער געוואָרפֿען. אַז זי האָט איהר האַנד צום פֿאָרהאַנג בײַן טיר אויפגעהויבען, איז איהר אַרבעל, וואָס איז פֿון בלומען קעלישלעך אויסגעפֿלאָכטען געווען, פֿונאַנדערגעפֿאַלען אויף אַ סך קלײנע ווײַסע בלעטלעך, און איהר האַנד, וואָס האָט פֿון ארבעל אַרויסגעשטעקט איז בײַ דער שײַן פֿון דער לבנה, צו אַ בלומען-שטענגעל גלײַך געווען.

מאַריאָ מאַילוויאָלטאָ איז אָפּגעשפּרונגען אַ הינטער, האָט זיך פֿאַר'ן קאָפּ געכאַפּט. צי נאַרען איהם נישט אַמאָל די חושים זײַנע? ער האָט הײַנטיגע נאַכט אַסך געטרונקען און נאָך מעהר פֿאַנטאַזירט. דאָס האַרץ אָבער האָט רוהיג און זיכער געקלאַפּט, און דער פֿערשטאַנד זײַנער איז זאָגאַר קלערער און פֿרײַער ווי געוועהנליך געווען. און דאָך איז דאָס בילד פֿון דאָרטען נאָך אַלץ נישט פֿערשוואונדען? ער איז מיט צוויי געשווינדע און פֿעסטע טריט צום בילד נעהנטער צוגעגאַנגען, דאָס בילד איז אָבער אויף זײַן אָרט שטעהן געבליבען, עס האָט זאָגאַר אָנגעהויבען צו רעדען.

שטיל און זאַנפט האָט דאָס יונגע מיידעל געזאָגט:

— מאַריאָ מאַלוואָלטאָ, איך בין אַהער געקומען, מיר זאָלען זיך קאָנען איינער דעם אַנדערן ליעבען.

2.

אַ נס.

ערשט יעצט האָט ער דערקענט, אַז דאָס איז דזשעממאַ קאַנטאָדזשי.

— איהר זייט צו מיר געקומען, גרעפין! איין איינציג וואָרט אייערער וואָלט דאָך גענוג געווען, — האָט ער זיפצענדיג געזאָגט — איך וואָלט געשווינד ווי אַ וואָלקען צו אייך געקומען.

— איהר וואָלט ערשט געקומען, און איך בין שוין דאָ, — האָט די גרעפין געענטפערט.

— איהר קאָמפּראָמיטירט אייך דערמיט!

— ניין. ניין. מיר האָבען דאָך דאָ נישט ווייט אַ ווילע. מע וועט מיינען, אַז איך נעכטיג דאָרטען. ס'טרעפט טייל מאָל, אַז איך געה ביי נאַכט אַוועק פון אונזער הויז, וואָס מיר האָבען אין שטאָדט; איך האָב שוין אַזוינע קאַפּריזען. מיין חברטע איז מיט מיר מיטגעקומען, זי ווייסט אַלע מיינע סודות.

ער האָט אויף איהר מיט חשד געקוקט. דאָס איז געווען קאַנטאָדזשי, וואָס האָט געזאָלט חתונה האָבען מיט דעם אָבגעלעבטען בומלער לאַנטין. זי איז געווען איינע פון יענע שענע פרויען, וועלכע אין אַ געוויסע צייט וואָלטען אַלע מאַנסבילען זיי גערן געוואָלט בעקומען און צוליעב איהר וואַרפען אַ שנאה אויף אַלע אַנדערע פרויען; פון יענע שענע פרויען, צוליעב וועלכע אַ היציגער בחור'ל נעמט זיך דאָס לעבען; פון יענע שענע פרויען, וואָס אין פערלויף פון צוואַנציג יאָהר זענען זיי די מאָדע־מאַכערינס און אַלע טאַנצען זיי נאָך. אַזוינע פרויען זאָגען צו זייערע אונצעהליגע געליעבטע דאָס גרעסטע גליק און פריידען און נאָר אויסגעוועהלטע האָבען דעם זכות, זיי זאָלען האַלטען זייער צוזאָג; און געהט זייער צייט פאַרביי לאָזען זיי איבער אין די קעפּ פון זייערע אַלטע ליעבהאָבערס שפּורען פון זיסען, וואָהלשמעקענדיגען שכרות. וואָס זענען אָבער זיי גופא? וואָס לעבען

זײַ איבער? דאָס האָט מאַילוואָילטאָ געוואוסט: זײ לעבען מיט זײער ערפאָלג, מיט די לײַדען, וואָס די מאַנסלײַט שטעהען צוליעב זײ אויס און מיט די אַפּלאָדיסמענטען פון דער מאַסע.

— אָבער וואָס אײגענטליך האָט איך געבראַכט אַהער?

— די ליבע צו איך, מאַריאָ מאַילוואָילטאָ, — האָט זי אָבגעענטפערט, און איהר שטימע האָט לײַכט געציטערט.

— איהר זײַט נאָך גאָר קינדיש, גרעפין. אויב איהר ליבט מיך ווירקליך, וואָרום האָט איהר נישט געבעטען עמיצען פון אײערע גוטע פרײַנד, ער זאָל מיך פאַר איך פאָרשטעלען. איך וואָלט זיך דאָך צו אײערע פיס געוואָרפען.

— אין דער הײם בײַ מיר וואָלטען מיר נישט געקאָנט אַזױ פרײַ זײַן, אום מיר זאָלען האָבען דאָס רעכט אײנע די אַנדערע צו ליבען, וואָלטען מיר געמוזט התונה האָבען.

— אַה!

ער האָט אַ נישט־אַנגענעהמע בעפרידיגונג געפיהלט.

— דער גרעפין וואָלט זיך נישט געוואָלט מיר צו האָבען פאַר אַ מאַן! נישט פערשטעהענדיג זײַנע רעד האָט זי געענטפערט:

— איהר וואָלט זיך מיר אָנפערטרויט, מאַריאָ, נישט וויסענדיג ווער איך בין. איהר וואָלט מיר פערזיכערט אַז איהר ליבט מיך. און אפשר וואָלט איהר זיך גאָר פערשטעלט. אַה, ווען איך וואָלט דאָס בעמערקט, וואָלט צו אַלעם אַ סוף געקומען, איך וויל מיר זאָלען זיך בײדע ליבען און קײנער זאָל דערפון נישט וויסען. איהר קאָנט איך דאָס נישט פאָרשטעלען: איך בין דער געליבטער פון די שענע קאַנטאַדזשי, און גאַנץ פלאָרענציע ווײסט עס. איהר הערט? איהר טאָרט עס קײנעם נישט אויסזאָגען.

ער האָט אָנגעהויבען שמאַכלען:

— איהר מײנט איך בין אַ ניעדריגער עהרגײַציגער מענש?

— נײן, איך מײן דאָס גאָרנישט. ענטשולדיגט! איך בין שוין אין פאָראויס אײפערזיכטיג. איך האָב איך דאָ געוואָלט פערשפאַרען.

מוטיג איז זי צו איהם נעהנטער צוגעגאַנגען און איז אין זײַן קאַבינעט אַרײַנגעקומען.

— איך וואָלט עס גאָרנישט געקאָנט אַריבערטראָגען, אַז מיר זאָלען זיך דאַרפען זעהן, ווען פרעמדע זענען דערבײַ, מיר זאָלען דאַרפען

רעדען איינער צום צווייטען פערשטעלט און איינגעהאַלטען. פאַר דיר וואָלט איך געוואָלט שטענדיג זיין... אָה, איך ליעב דיך!

אַז זי איז דעם ערשטען שרעק איבערגעקומען, האָט זי האַסטיג איהרע הענד אויסגעשטרעקט.

— פאַר דיר וואָלט איך געוואָלט שטענדיג זיין... נאַקעט!

אַ ליידענשאַפטליכע אויפרעגונג האָט איהם בעהערשט. ער האָט זיך צו איהר אַ וואָרף געגעבען.

— ווען איך וואָלט געקאָנט גלויבען, אַז דו ליעבסט ווירקליך אין מיינע אָרעמס!

צודריקענדיג זיינע ליפּען צו איהרע האָר האָט ער לייכט אָבגעזיפצט. „די זעלטענע פרוי, וועלכע וויל איהם מיט איהר נישט איבערלעגטער ליידענשאַפט מעכטיג מאַכען, ליעגט יעצט אין זיינע אָרעמס. אָט איז דער נס געשעהן! איינס פון די יונגע מיידלעך, וועלכע קוקען אַרויס מיט ליכטיגע אויגען פון דער וועלט, וואו עס איז קיין וועג נישטאָ; אָט איז עס, אָט איז דער נס!"

„ווען איך וואָלט דאָס געקאָנט גלויבען!"

— אָבער דו פיהלסט דאָך מיר, — האָט זי ציטערנדיג געזאָגט, און אַז איך ליעב דיך, דאַכט זיך, דאַרפסט דו אויך פיהלען.

— איך פיהל — האָט ער זיך אָבגערופען מיט אַ רחמנות'דיג קול, מעהר אויף זיך גופא ווי אויף איהר.

— און דו ווילסט מיך ליעבען?

— איך וויל, צי וויל איך! האָט ער מיט פערדרוס אויס-געשריען.

בעהאַלטענדיג איהר פנים אין זיין האַלז האָט זי געפרעגט:

— האָסט דו ווען עס איז מיר געהאַלטען פאַר שען? האָסט דו ווען עס איז מיר געוואָלט האָבען?

— נאָר דיך איינע האָב איך געוואָלט האָבען.

ער האָט געוואוסט, אַז ער לייגט. און דאָך איז ער דערביי אויפ-ריכטיג געווען, ער האָט זיי אַלעמען בעגעהרט, שטענדיג וואָלט ער אַלע-מען בעגעהרט. אָבער איז דען נישט אַלץ איינס?

— און איך אויך, — האָט זי איהם גלייך אָנקוקענדיג געזאָגט, — נאָר דיך איינעם.

— הייסט עס, אַז דו האָסט געוואוסט, דאָס היינט אָבענד האָסט

דו זיך, דורך דאָס לעכעל פונ'ם פאָרהאַנג, מיט בליקען בעגעגענט, געוואוסט מיט וועמענס בליקען?

— נײן...

— נײן? האָסט דו מיר דען נישט פיעל מאָל אין פאַרטער געזעהן?

— נײן. ביז יעצט האָב איך נישט געוואוסט ווי דו זעהסט אויס. אַז דו ביזט אַרײַנגעקומען האָב איך געצווייפעלט, טאָמער איז דאָס גאָר אַ פרעמדער, עמיצער פון דײַנע גוטע פרײַנד,

ער האָט ניט געפונען קײן ווערטער וואָס איהר דערויף צו זאָגען.

— זעהר לאַנג האָבען מיר אין דזשיטיניאַנאָ געוואָהנט, נאָר זײט דער פאָטער מײַנער איז געשטאָרבען און דער ברודער דיענט אין פלאָרענציאַ אין גאַרניזאָן וואהן איך דאָ.

— הײסט עס ביזט דו צו מיר געקומען, ווײַל איך בין בעריהמט?

— בעריהמט! איך ווײס נישט. ס'קאָן זײַן, מען האָט אין מײַן געגענוואַרט עפּיס יאָ גערעדט וועגען דיר, נאַרישקײַטען גערעדט; איך האָב אָבער נישט געוואוסט, אַז מען מײנט עס דיך. איך האָב דײַנע ביכער, וואָס דו האָסט פערפאַסט, געלעזען, נישט קוקענדיג ווי דער פער־פאַסער הײסט..

„אָט האָסט דו עס פון דאָס נײַ", האָט מאַריאָ מאַילוואָילטאָ זיך געטראַכט.

— דאָרט ווערען געשילדערט מענשען, וועלכע איך האָב פער־שטאַנען. איך האָב לײַענענדיג געטראַכט: אַזוי וואָלט איך אויך געטהון, אַזוי וואָלט איך אויך געפיהלט, ווען...

— ווען...

— ווען איך וואָלט בעגעגענט דעם דאָזיגען מענשען. מיט מײַן חתן, האָב איך געוואוסט, וועט מיר קײנמאָל נישט אויסקומען אַזעלכעס איבערצולעבען.

— יאָ, איהר זײַט דאָך פערלאָבט.

— איך בין געווען פערלאָבט. אײדער איך בין צו דיר געגאַנגען, האָב איך איהם ענטזאַגט.

— דאָס הויב איך שוין גאָר נישט אָן צו פערשטעהן.

— דאָס איז גאַנץ אײנפאַך. אין דײַן הײַנטאָבענדיגען שטיק

האָב איך געזעהן ווי עס לעבען און שטאַרבען די דאָזיגע מענשען, וועלכע איך האָב פון דיינע ביכער געקאָנט. זיי זענען מעהר אויפגערויזענדער געווען ווי די, מיט וועלכע איך עס מיטאָג און שיף זיך אויף קאָרסאָ. זיי האָבען נישט אַזוי פיעל געשמייכעלט, און איך האָב זיי געקאָנט גלויבען, ווייל זיי זענען דאָך שוין געשטאָרבען.

— ווייל זיי זענען דאָך שוין געשטאָרבען.

— אַז איך בין געקומען צו זיך אַ היים האָב איך אַ קוק געטהון דעם נאָמען פון פערפאַסער. דאָס איז דיין נאָמען געוועזען, בין איך געקומען אַהער צו פאָהרען.

— ביזט דו געקומען אַהער צו פאָהרען.

ער איז ענטציקט געווען. וואָס פאַר אַנ׳ ענטשלאָסענע צוטרויליכע ליידענשאַפט! ווען מען זאָל דאָס אַלעס קאָנען גוט בעטראַכטען, גוט אויסלערנען! אָבער ער האָט זיך באַלד בעשלאָסען איהר ליידענשאַפט צו אונטערדריקען.

— דו מיינסט, הייסט עס, אַז איך בין אַ זעלכער, ווי איך בעשרייב אין מיינע ווערק. ס׳קען גאָר זיין, אַז גראָד ווייל איך בין נישט אַ זעלכער האָב איך זיי אַזוי געשילדערט.

— אָבער דו האָסט דאָך זיי בעשאַפען, הייסט עס, אַז דו האָסט זיי אין דיין האַרץ געטראָגען. דאָס איז דאָך אַזוי איינפאַך; היינט אין אָבענד איז מיר דאָס אַלעס פלוצלונג קלאָר געוואָרען. ווען די מענשען, וועלכע מיר וואָלטען געקאָנט ליעבען, לעבען נישט אין אונזער וועלט, דאַרפען מיר זיי זוכען אין דאָס האַרץ פון דעם דאָזיגען, וואָס האָט זיי מיט זיין פאַנטאַזיע בעשאַפען. פאַר וואָס טהוען דאָס אָבער נישט די פרויען? עס וואָלט פון מיין זייט זעהר נאַריש געווען ווען איך וואָלט צו דיר נישט געקומען.

איך בין נישט אַזוי שטאַרק ווי דו מיינסט.

איהם האָט בעהערשט אַ געפיהל, ווי ער וואָלט געקעמפפט מיט דער זיבעצען־יעהריגעס מיידעל, גלייך ווי דאָ וואָלט זיך געהאַנדעלט וועגען פערהיטען זיך גופא פון אַנ׳אומגליק.

– אײַער חתן, גרעפֿין, איז אין פֿערגלײַך מיט מיר אַ העלד; אמת, ער האָט מעהר געקינסטעלטען כח ווי אמת'ן, איך ווייס, אַז נאָר די פֿיעלע איבונגען אין ראַנגלען און גימנאַסטיק האָט איהם דאָס וואָסערדיגע בלוט אויפֿגעקאָכט, קיין ריעזיגע מוסקולען, קיין שטײַפֿע גערוועֿן זענען ביי איהם נישטאָ, אָבער זײַן אויסערליכעס אויסזעהן בעווײַזט אויף אַ ריטער, אנ'אונטערנעהמער, וואָס שרעקט זיך פֿאַר קיין זאַך נישט אָב. זי קענען פֿון אים פֿיעל, זעהר פֿיעל ערוואַרטען.

– איך ווייס אונגעפֿעהר וואָס איך קאָן פֿון איהם ערוואַרטען,

– האָט זי זיך אָבגערופֿען הויבענדיג די אַקסלען. זי האָט זיך אויף זײַן אַרבייטס-שטוהל אַראָבגעלאָזט, נעבען זײַן טיש, האָט זיך מיט די שרייב-געצײַג געשפּיעלט, איין העפֿט מיט פֿערשיעדענע נאָטיצען האָט זי שפּיעלענדיג זיך אויף דער פֿאַדלאָגע אַראָבגעוואָרפֿען און דערנאָך דעם קאָפּ אויף איהר האַנד אָנגעשפּאַרט.

– ווען מײַן חתן האָט מיר אין סען דזשימיניאַנאָ בעזוכט, ווען איך בין מיט איהם אויף דעם טהורם, וואָס איז אין גאָרטען, געשטאַנען און אונטער אונז איז דער בלויער שטח געווען; ווייסט דו ווי ער איז מיר דאַמאָלס פֿאָרגעקומען? ווי אַ ווילד פֿרעמדער, ווי דער ענגלענדער וואָס פֿאָטאָגראַפֿירט דאָ אַלעס אָב. אָה, וואָס האָב איך דאַמאָלס דורגעפֿיהלט, וואָס האָב איך דאַמאָלס איבערגעלעבט, ווי האָט מײַן יונג זעכצעהן יעהריג הארץ געפּלאַטערט און געציטערט זענענדיג מיט איהם אויפֿ'ן טהורם, קיקענדיג אויף די דורכגעלעבערטע וואַרימע ווענד וואו יאַשצעריצעס האַלטען זיך אויף; און מיינסט דו, אַז ער האָט פֿון דעם חאָטש די קלענסטע פֿאָרשטעלונג געהאַט? איך וואָלט זיך געשעמט איהם האָטש איין וואָרט אַרוים צו זאָגען... דיר...

— מיר? האָט מאַריאָ מאַלהאָלטאָ געפרעגט.

— דיר וועל איך דאָס זאָגען.

זי איז פון איהר אָרט אויפגעשפרונגען.

— אָבער דו ווייסט דאָך שוין דאָס אַלעס, דו האָסט דאָך אַליין דאָס וועלבע געפיהלט, פון דיר האָב איך דאָך זיך דאָס אַלעס דערוואוסט.

ער האָט איהר נישט צוגעשטימט.

— מיר פּאָטען פערנעהמען זיך מיט אַ געפעהרליכער אַרבייט, מיר לעגען אייך פאָר אַלערליי פריידען, דערמיט אָבער זענען די פריידען נאָך נישט אונזערע.

— דו ווילסט זיך פאָרשטעלען פאַר בעשיידען. דו ביזט קאָקעטיש.

ער האָט אַ בעוועגונג פון אונצופריעדענהייט געמאַכט.

— אָדער דו גלויבסט מיר נישט?

גלייכצייטיג האָבען זיי ביידע איינער דעם אַנדערן די האַנד אויסגעשטרעקט.

— דיר נישט גלויבען!

דאָס איז אונמעגליך געווען. איהר אָטהעם, איהר בליק, זאָגאַר די ליניען פון איהר קערפּער האָבען בעוויזען אַז זי זאָגט אמת. די ליניען פון דעם דאָזיגען עדלען קערפּער האָט איהם אין אַ שום פון ליידענשאַפט דערטרונקען, ער האָט געפיבערט, ער האָט זעהר געוואָלט, אַז איהרע ליידענשאַפטען זאָלען זיין דאַרט אינגאַנצען בעצווינגען, זיי זאָלען דאָס קינסטלערישע אין איהם צוברעכען; ער זאָל אַ רויץ זיי קיין שום אַנדער זאַך נישט פיהלען! און זאָל ער אפילו דורך דעם ליידען די גרעסטע שמערצען!

— העֶר נאָר, — האָט ער מיט אַ הייזעריגער שטימע פאַר גרויס אויפרעגונג געבעטען, — דו ביזט זיך טועה אין מיר, הזשעממא. איך בין נישט אַזוי עהרליך ווי דו. איך קאָן אַזוי נישט זיין.

— וואָלסט דו דען דאָס געזאָגט ווען דו זאָלסט נישט זיין עהרליך?

— אין דעם אויגענבליק בעמיה איך מיר עס צו זיין. אָבער דו בעדאַרפסט מיר נישט אַזוי שטרענג עקזאַמענירען. גלויב מיר, דיין חתן — זיי קאַלט ער זאָל נישט זיין — בעזיצט מעהר אמתדיגען געפיהל פאַר מיר. ער איז מיט דיר פון איין בלוט און דו קאָנסט ביי איהם דאָך אויך מעהר האָפען.

— איך חיים אויף װאָס איך האָב ביי איהם געקאָנט האָבען.

— דו בעדאַרפסט גאָר צופריעדען זיין װאָס ער פערשטעהט נישט

דיינע קינדערשע הזומות, וועט ער דיר מיט מעהר טרייׁשאַפט ליעבען.

זי האָט זיך ווידער מיט איניגע טריט פון איהם אָבגערוקט, האָט זיך אויפ'ן דיוואַן געזעצט, אַרונטערלעגענדיג די האַנד אונטער איינעם פון די קישענס און זיך מיט דער ברוסט דערויף אָנגעשפּאַרט.

— נישט נאָר דאַמאָלס האָב איך איהם דערקאָנט, — האָט זי געצויגען די ווערטער, קוקענדיג אין דער לבנה'דיגער נאַכט מיט ווייט אויפגעריסענע אויגען. איך ווייס פון איהם און פון זיין געליעבטע.

— פון טראַפּעטטי? — האָט ער האַסטיג געפרעגט.

— איך בין צו איהר אַהינגעגאַנגען. דאָס וואונדערט דיר? זי איז אַ בעריהמטע זינגערין און אַ שענע פרוי. איך האָב מיר געקלערט, אַז זי האָט נישט קיין גרונד, דעם אמת פון מיר צו בעהאַלטען. און זי איז די איינציגע, וואָס קאָן מיר דעם אמת וועגען איהם זאָגען... נו, ער איז שוואַך... ער איז זעהר וועניג פעהיג. ווי זאָל איך עס דיר ערקלערן?

ער איז אָבגעשפּרונגען אַדינטער: „צי האַ'ט זי מיר דען פאַר אַני־אָקס" — האָט ער בײַ זיך אין האַרצען געטראַכט. זי האָט זיינע געדאַנקען פערשטאַנען.

— איך בין דאָך שוין נישט מעהר קיין קינד, איך מעג מיין מיינונג פריי אַרויסזאָגען. ער בענוצט זיך מיט געקינסטעלטע אויפרייצונגען, מיט הילפסמיטלען, ער פאָדערט פון זיינע געליעבטע בעדינונג, וועלכע... וועלכע טראַפּעטטי האָט מיר פאָרדעם געמוזט ערקלערן.

— אַה! אַה! זי האָט עס דיר ערקלערט?

און ער האָט זיך געטראַכט: „אַ יונג מיידעל, וואָס געהט צו אַ קאָקעטקע, אום זיך צו דערוויסען פון איהר וועגען איהר תנו'ס פעהיגקייטען! ניין, דאָס וואָלט איך נישט געקאָנט אויסקלערען, דאָס וואָלט קיינעם נישט איינפאַלען אין געדאַנקען!"

זי האָט אויף איהם אַ קוק געטהון מיט ברייט געעפענטע אויגען.

— און דו... דו בענוצט זיך נישט מיט זיי?

ער האָט געענטפערט ערשטוינט:

— ניין.

זי האָט אויפגעאָטהעמט.

— איך פערשטעה, אַז דו קלערסט וועגען מיר, דאָס איך האָב נאָר די נידריגע לוסט אין זינען; איך זעה עס גאַנץ גוט, בעהאַלט זיך נישט. דו קאָנסט מיר דאָך, נאָך נישט. דאָס אומגליק בעשטעהט נישט אין דעם, וואָס ער איז אַ שוואַכער מאַנסביל. ער בעזיצט אָבער נישט קיין ליעבע.

טראַספּעטי ליעבט איהם, זי האָט געוויינט פאַר מיר, ווען זי האָט דאָס מיר דערצעהלט.

— ער האָט דאָך זיבער גאָרנישט לאַנג צוליעב איהר אַ דועל געהאַט, האָט מאַילוואָילטאָ נישט קלערענדיג געזאָגט.

— איך וואָלט נישט געוואָלט, אַז עמיצער זאָל אויף אַזאַ אופן צוליעב מיר געהן אויף אַ דועל. די גאַנצע צייט פונ׳ם דועל, האָט ער זיך קאַלט און רוהיג אויף זיין פּאָזיציע געהאַלטען, האַלטענדיג דעם שווי־מענדיגען געגנער זיינעם אויף אַ געוויסע שטרעקע אָבגערוקט פון זיך און נישט אַראָבגעלאָזט די אויגען אויף אַ מינוט פון זיין שווערד — אַזוי לאַנג ביז ער האָט סוף כל סוף זיין געגנער בעזיעגט. ווער עס וויל זיך נוקם זיין פאַר זיין בעליידיגטער געליעבטע בעגעהט זיך אַנדערש ביי אַ דועל! איך זאָג דיר, ער ליעבט נישט.

„איז ווידער נישט". האָט מאַילוואָילטאָ זיך געטראַכט און אין האַרצען זיך אָבגעזאָגט פון דעם געדאַנק צו ראַטעווען דעם דאָזיגען התן. ער האָט געקוקט ווי דאָס יונגע מיידעל האָט זיך לויזגעשנירט דעם קאָרסאַזש איהרען. איינציגע שמוקזאַכען זענען אויף דער ערד אַראָבגעפאַלען. פון צווישען די שפּיצען האָט אַ צאַרט ווייסער קערפּער מיט בלאָע אָדערען אַרויסגעבלישצעט. זי האָט זיך אויפגעפיהרט ווי אַ קליין קינד, וועלכע געפינט זיך צוריק ביי זיך אין דער היים, נאָך לאַנגען אַרומלויפען און אַרומיאָגען זיך, מיעד און גליקליך.

— זיין נשמה וועל איך קיינמאָל נישט דערפיהלען. דיין נשמה האָב איך זעהר אָפט געפיהלט און מיין נשמה שענק איך דיר אַוועק.

זי האָט זיך אויפגעהויבען:

— און מיין גוף אויך.

ער האָט זיך צו איהר אַ וואָרף געטהון, איז אויף די קניע געפאַלען און איהרע קליידער מיט איהרע הענד בעשאָטען מיט קושען. פלוצלונג איז ער איינגאַנצען דורכגעגליהט געוואָרען מיט דער ליידענשאַפט פון דער דאָזיגער נשמה, וואָס האָט גאַנצע הדשים נאָכאַנאַנד פון איהם געטראַכט, וואָס האָט זיך צוליעב איהם בעפרייט פון געפענקניש, זיך לויז געמאַכט פון די קייטען פון אַ פרעמדער נשמה; בלאָנדזשענדיג איהם אין דער פינסטער געזוכט, און דורך געדיכטע, מיט לבנה־שיין בעגאָסענע וועלדער האָט זי מיט ליידענשאַפטליכע געפיהלען צו איהם אַ וועג געפונען! אָט איז זי אָט געזעהן זי, פון ווייסען צימער אַרויס, איינגאַנצען מיט לבנה־שטראַהלען בעלויכטען.

אָט שטעהט זי בעשאַפען נאָר פון זיינטוועגען. אָט ליעגט זי אויף זיין ברוסט, כדי איהם צו ראַטעווען, איהם אין קדשי קדשים פון לעבען אַריינצופיהרען, איהם אַ טיעפען אָטהעם אַריינצועטהמען, איהם אויסצולערנען דאָס געפיהל פון פערגעסען זיך גופא אין שטאַרקע בעוועגונגען:

— איך ליעב דיך ד ז ש ע מ מ אַ!

זי האָט נאָר לייכט געשמייכעלט, נישט אַראָבנעהמענדיג די הענד פון זיינע האָהר.

— אָבער איך גלויב דאָך! — האָט ער אויסגעשריען. — אַ נס האָט זיך מיר געטראָפען; איך בין גענוג שטאַרק איך זאָל אין איהם גלויבען און הערך איהם געראַטעוועט ווערען!

אַ שפרונג טהוענדיג האָט ער זי מיט איין האַנד אַרומגענומען... אָבער פלוצלונג האָט איהם אַ קעלט דורכגעשוידערט. „יעצט גלויבסט דו, קאָמעדיאַנט. און מאָרגען פריה וועסט דו קלערען ווי אַזוי דו זאָלסט דעם דאָזיגען מאָמענט פון גלויבען פאַר די קונסט אויסנוצען".

— אָבער איך ליעב זי דאָך, — האָט ער זיין אינערליכען געגנער אָבגעענטפערט. — און זי ליעבט מיך. בין איך דען קיין מענש נישט?

— ניין, דו ביזט קיין מענש נישט, דו שפיעלסט נאָר די ראָליע פון אַ מענשען. זאָג זיך אויף היינטיגעס מאָהל אָב פון עפעקט, נאָר דאָס איין איינציגע מאָהל — פאַר רחמנות אויף דאָס אומשולדיג קינד, בעדענק...

— אָה, איך ווייס, איך שרעק זיך. דאָס איז נישט קיין געשעהעניש, וועלכעס דו קאָנסט אַליין מאַכען און זיך בעפרייען דערפון, באַלד ווי דו וועסט נאָר מיעד ווערען. דאָס איז נישט קיין הויז מיט צוויי איינגאַנגען. דאָס איז אַ היהל אין אַ באַרג, איין איינציגער אַריינגאַנג, און וועלכען וואַסער וועט דיך דערטרינקען, באַלד ווי דו קומסט נאָר דאָרטען אַריין.

ווערהרענדיג זיך, האָט ער זיין האנד פון דעם יונגען מיידעל'ס האלז אראָבגענומען. זיין מאַטער, ליידענפולער בליק האָט זיך, בלאָנדזשענדיג אויף דער וואַנד, פלוצלונג מיט פיפפאָ ספאַנאָס בליק אָנגעטראָפען. זיין טייוועלשער שמייכעל, וועלכען מען האָט קיינמאָל נישט געקאָנט אויס־מיידען, האָט יעצט צו איהם דייטליך און קלאָר גערעדט:

— דאָס איז דאָס די קראַפט, וואָס איך דאַרף דיך דערצו צווינגען? עס קומט צו געהן א פרוי, זי בעט זיך ביי דיר, דיין בלוט ציהט דיך בעהערשעריש צו איהר און דו זאָגסט דיך אָב, צוליעב דיין קרענקליך, שרעקעדיגער נאַטור, פון דאָס גליהענדע לעבען? טהו ווי דו ווילסט, אָבער קיינמאָל זאָלסט דו דיך שוין מעהר נישט פרובען צו פערלאָזען די שוואַכע וועלט און אין מיין וועלט זיך אַריינ'גנב'נען, אין דער וועלט, וואו מען ליעבט, רויבט אַוועק און ווען עס איז נויטיג שטאַרבט מען אויך צוליעב דעם.

מאַריאָ מאַילוואָילטאָ האָט האַסטיג דזשעמען אַ האַפ געטהון. דאָס שוימיגע ליידענשאַפטליכע בלוט האָט איהם אין פנים אַריינגעשפּריצט. ווי אַ העלד, וואָס געהט אין דער מלחמה אַריין, ווען די פרוי פלעגט איהם זיין האַלז מיט איהרע ווייכע אָרעמס אַרום, האָט ער איהר אין זיין שלאָפצימער אַריינגעטראָגען.

3

דער גלויבעי.

מאַריאָ מאַילוואָילטאָ איז געשטאַנען אַליין אויף דער טעראַסע און בעטראַכט ווי דער טאָג ווערט ליכטיג. דזשעממאַ איז שוין מעהר נישט געווען ביי איהם, ער האָט זיך צוגעהערט צו די לעצטע אָבקלאַנגען פון גליק, וועלכע זי האָט אין איהם דערוועקט. אָט ערשט נישט לאַנג זענען די אָבקלאַנגען אין גאַנצען שטיל געוואָרען. ווען זי וועט היינט אין אָבענד קומען, נאָך אַליך מיט דער זעלביגער, גליהענדער ליידענשאַפט, ווי וועט זי איהם געפינען? קיין ענטפער דערויף האָט ער אַליין נישט געוואוסט. צוואַנציג שטונדען קאָנען איהם מיט זיינע געפיהלען און געדאַנקען אַוועק־טראָגען וואוהין קיינער ווייסט נישט, קיינער קאָן זיך גאָרנישט פאָרשטעלען. ער וואָלט זיך אָבער מיט אַלע כחות אָנגעשטרענגט צו איהר צוריק צו קעהרען. עס קאָן זיין, אַז עס וואָלט זיך איהם איינגעגעבען.

„ניין, ניין. מיר צעשיידען זיך שוין אויף אַלע מאָל. איך וועל איהר

פֿון קיינמאָל נישט זעהן. דאָס וועט זיין אַ שטאַרקער שריט, ווייל איך בעגעהר זי נאָך און וועל זי נאָך אָפֿט בעגעהרען... איך וועל איהר אַ בריעף שרייבען. איך וויים, זי וועט דערפֿון זעהר שטאַרק ליידען. אָבער דאָס וועט נאָר זיין אַן׳אויגענבליקליכעס ליידען, אַזוי ווי דאָס גליק איז נאָר געוועזען אַן׳אויגענבליקליכעס. ווען זי וועט דערפֿון באַלד נישט שטאַרבען, וועט שוין דאָס זיין בײַ איהר פֿערבײַגעגאַנגען. ווען איך זאָל יעצט אויף איהר וועלען רחמנות האָבען און וואָלט זיך פּרובען זי אָבנאַרען — וואָלטען מיר ביידע דערנאָך אַ סך געליטען. דאָס וואָס מוז געשעהן זאָל באַלד געשעהן".

ער איז אין גאָרטען אַראָבגעגאַנגען און אויף די שמאָלע שטעגלעך שפּאַצירט. די געדיכטע ביימער האָבען איהם פֿיעל מאָל געצוואונגען זיך אײַנצובויגען און איהם זיינע געדאַנקען איבערגעריסען. — און גע־טראַכט האָט ער וועגען נוסח פֿון בריעף, וואָס ער זאָל צו דזשעממאַ שרײַבען.

און אָט האָט ער זיך אין די געדאַנקען פֿאָרדיקטירט אַזאַ מין בריעף:

„מיין געטליכע דזשעממאַ!

„יעצט האָב איך נאָך דאָס רעכט דיך אַזוי אָנצורופֿען... ווען דו זאָלסט היינט אין אָבענד ווידער קומען צו מיר, קאָן זיין, אַז דאָס וואָלט שוין אַליגען געוועזען — דער ערשטער ליגען צווישען די אַלע אַנדערע ליגענס, מיט וועלכע איך וואָלט אונזער ליעבע געשפּייזט. איך וויל דאָס אָבער נישט, דערצו זענען מיר ערשט נישט לאַנג צו שטאַרק און צופֿיעל גליקליך געוועזען. פֿאַר היין אָפֿענהערציגקייט וויל איך דיר מיט מיין אָפֿענ־הערציגקייט בעלוינען, אויף וויפֿיעל איך בין נאָר אימשטאַנד. הער מיך אוים, מיין טייערע דזשעממאַ.

„דו ליעבסט מיך זעהר, נישט אמת? און דו ביזט ביי זיך איבער־צייגט, אַז דו וועסט מיך עביג, עביג אַזוי ליעבען. דו קאָנסט דיר גאָרנישט פֿאָרשטעלען, אַז דיינע הייסע טרייהייט און איבערגעבענהייט זאָל אַמאָל אָבגעקיהלט ווערען, און שפּייען אין פּנים וואָלסט דו דעם דאָזיגען, וואָס וואָלט זיך אונטערגעשטאַנען דיר צו זאָגען, אַז דיין פֿייערדיגע ליעבע צו מיר וועט אַמאָל אין גאַנצען אויסגעלאָשען ווערען, אין גאַנצען אָבשטאַרבען. ביי מיר אָבער קומען אַזעלכע מיני געדאַנקען שטענדיג אין קאָפּ אַריין, אָה, מיין גאָלדענע דזשעממאַ. אָה, נישט איינמאָל וועל איך אויך אַזוי גליהענדיג דיר בעגעהרען, נישט איינמאָל וועל איך דיר אַזוי אָנרופֿען ווי איך רוף דיך אין דעם יעצטיגען אויגענבליק אָן! אָבער ווען דו זאָלסט צו מיר אין צוויי שעה אַרום קומען, קאָן זיין אַז עס וועט שוין צו

שפּעט זיין. עס קאָן מעגליך זיין, מיין טייערסטע, אַז אַפילו היינטיגע נאַכט, ווען מיר וועגען אַזוי ענג איינער אין דעם אַנדערענס אָרעמס געשלאָסען געוועזען, בין איך דיר שוין אונטריי געוועזען. עס קאָן זיין, אַז איך האָב שוין דאַמאָלס געטראַכט וועגען עפּעס אַ שטאַרק וואָרט, עפּעס אַן'אויסדרוק, וואָס זאָל דאָס דאָזיגע אַרומנעמען זיך אונזוערע, ווי צו'ם קלאָרסטען, ווי צו'ם שאַרפסטען אויסדריקען! די קונסט, דזשעממאַ, איז דיין ערגסטער, דיין געפעהרליכסטער שונא, און דו דאַרפסט איהר מיט דער האַנד נישט אַוועקמאַכען.

נישט איינמאָל וועט טרעפען, אַז דו וועסט צו מיר מיט אָפענע, אויסגעשפּרייטע אָרעמס אין מיין צימער אַריינקומען, גרייט מיר אויף דעם האַלז צו פאַלען, און זי, די קונסט, וועט מיך גאָר דאַמאָלס אויף איהר אונבאַרעמהאַרציגע ברוסט פעסטהאַלטען".

מאַריאָ מאַילוואָילטאָ האָט געקוקט ווי אַ העגנגעל טרויבען האָט זיך אויף זיין צוזאַמענגעפּרעסטער האַנד געגליטשט, און זיך געטראַכט: „אונבאַרעמהאַרציגע ברוסט? צי האָט דען די קונסט אַן'אונבאַרעמהאַרציגע ברוסט?"

„דו פערשטעהסט מיך נישט, — האָט ער זיך ווייטער אין געדאַנקען דעם בריעף דיקטירט, — איך זעה דאָס פאָראויס. דו מיינסט, אַז דער קינסטלער קאָן די קונסט בעזייטיגען ווען אַ פרוי קומט אַריין. לאַנטי, ווען דו וואָלסט נאָר מיט איהם התונה געהאַט, וואָלט באַלד זיין פערד פון שטאַל אַרויסגעלאָזט, ווען דו וואָלסט עס נאָר פון איהם פערלאַנגט. דער סוחר וואָלט זיינע קונים פון געוועלב אַרויסגעיאָגט. די ליידענשאַפט צו געלד איז זעהר זעלטען שטאַרקער פאַר די ליידענשאַפט צו פרויען. מיט דער קונסט, מיין טייערע דזשעממאַ, איז גאָר אַנדערש. זי קאָן זיך פערגלייכען מיט דער לוסט מלחמה-צו-האַלטען און מיט די לוסט צו הערשאַפט. די דאָזיגע דריי ליידענשאַפטען פערלאַנגען, אַז דער מענש זאָל זיך צו זיי אין גאַנצען איבערגעבען, זיי ליידען נישט ער זאָל אַחוץ זיי עפּיס אַנדערש אויך אין זינען האָבען. די קונסט איז צווישען די דריי ליידענשאַפטען די שטאַרקסטע, און מאַכט, צו'ם מעהרסטען, יענע צוויי ליידענשאַפטען אונטער זיך אונטערטעניג. זי נאָגט אויס פון איהר קרבן דאָס גאַנצע קראַפט, דאָס גאַנצע געפיהל און פערשטאַנד, אַזוי אַז ער בלייבט אין גאַנצען אונפעהיג צו עהרליכע געפיהלען, צו אָפּענהערציגער ליידענשאַפט. בעדענק זיך, וואָס איז דען די וועלט פאַר מיר, זי איז דאָך נאָר בלויז אַ מאַטעריאַל, וועלכעס איך בעדאַרף אין פראַזען

פערוואַנדלען. אַלץ, האָס דו זעהסט און פון וואָס דו האָסט פערגניגען — די ווענד פון דײן שלאָס סאַן דזשימיניאַנאָ, וואו דײנע קינדערשע פאַנטאַזיעס האָבען זײערע גאָלדענע פעדעם געװעבט — נישט דאָס פערגניגען האָס דו גענאָסט פון דעם אַלעמען האָט פאַר מיר אַ װערט, נאָר בלויז די פראַזע אין װעלכער די דאָזיגע פערגניגען דריקען זיך אויס, שפּיגלען זיך אָב, נאָר דאָס אַלײן האָט פאַר מיר אַ װערט. יעדער לוסטיגער אָבענד, יעדער װײנענדיגער גוטער פרײַנד, אַלע מײַנע געפיהלען, זאָגאַר דער שמערץ, װאָס איך פיהל דורך דעם, דאָס אַלעס איז נאָר מאַטעריאַל פאַר װערטער. דו אַלײן װאָלסט אויך בײַ מיר צו דעם צװעק געדיענט. נײן, דאָס איז אונמעגליך, דאָס טאָר איך נישט טהון.

„קײנמאָל װעל איך נישט זיצען נעבען מײַן פרוי, קוקען אויף איהר און זיך גליקליך פיהלען. איך װעל גאָר דאַמאָלס קלערען, װי אַזוי זאָל איך דעם דאָזיגען פּראָפיל איבערגעבען, װי אַזוי זאָל איך אויף דעם דאָזיגען פּראָפיל קוקען, בכדי מיר זאָל זיך פאָרשטעלען אַ גרויסאַרטיג בילד, אָדער אַרויסגעפינען אַ נײַעם בליציגען װאָרט פון װעלכען אַלע זאָלען ענטציקט װערען. װען איך װעל דײַן בלענדענד צאַרטען קערפּער מיט מײַנע הענד בעריהרען — איך געברויך אַ צו שװאַך װאָרט — בלענדענד צאַרט — װעל איך גאָר דאַמאָלס טראַכטען װעגען אַ װאָרט, װאָס זאָל אויסדריקען און איבערגעבען אין גאַנצען דײַן קערפּער, דײַנעם און נישט קײן אַנדערענס.

„אָה, איך װאָלט זײַענדיג בײַ דיר זעהר לײַדענשאַפטליך געװעזען, דו װאָלסט מיר אָפט פיבערענדיג פאַר גרויס לײַדענשאַפט געזעהן. מײַן אָבער נישט, אַז דאָס װאָלט אמת'ע ליעבע געװעזען! איך מוז, האָטש זיך אַלײן אָבנאַרענדיג, זיך אין ליעבעס געפיהלען צעגיסען, כדי איך זאָל עס קאָנען פאָרשטעלען, אָבשילדערן. איך מוז צװישען מענשען װאָהנען, צװישען שענע און שטאַרקע מענשען, מיט אַזעלכע װי דו, טײַערע דזשעממאַ, צוזאַמען מיט זײ אַלערלײ סקאַנדאַלען בעגעהן, מיט זײ צוזאַמען פערשאָלטען זײַן, מיט זײ צוזאַמען אונטערגעהן. פון זיך גופא קאָן איך דעם מענשען נישט דערקענען; װײַל איך גופא בין קײן מענש נישט: איך גופא בין אַ קאָמעדיאַנט,

„בעדענק זיך וועגען אַלע פרויען, מיט וועלכע דו טרעפסט זיך אין דער געזעלשאַפט, אַלע פרויען, וועלכע בעגעגנען דיך מיט אַ זיסען שמייכעל; בעדענק זיך וועגען יעדע בעזונדער און זײַ וויסען: איך האָב איהר שוין מיט דיר אין איינעם אַמאָל אָבגעגנאַרט און וועל עס נאָך אַמאָל און נאָך אַמאָל טהון — בײַ מיר אינעווײניג אין האַרץ, און בעדאַרפט האָט דאָך קיינער אַחוץ דיר אין מײַן האַרץ קיין אָרט נישט האָבען! און נאָך ערגער: איך וועל דיך מיט דיר גופא אָבנאַרען, מיט דער ווירקליכער דזשעממאַ.

„מיינע שפּאָנונגען, וועלכע דו האָסט אַזוי ליעב, צוליעב וועלכע זו האָסט זיך צו מיר אין מיינע אָרעמס געוואָרפען, דזשעממאַ, זענען דאָך אַלע אַמאָל ווירקליכע, נישט קיין אויסגעטראַכטע מענשען געוועזען. און נאָר בכדי איך זאָל אַ גוטען ערפאָלג האָבען, האָב איך זיי איבערגעאַנדערשט. אָט אַזוי וועל איך מיט דיר אויך מאַכען. איך בין שוין יעצט גופא דערמיט בעשעפטיגט. דער דאָזיגער בריעף — דאָס איז דאָס ערשטע קונסט־שטיקעל, וועלכע איך מאַך פון דיר״.

טרעהרען האָבען זיך בײַ מאַריאָ מאַילוואָלטאָ אין די אויגען געשטעלט. ער האָט אמת׳דיג געליטען; אָבער ליידען איז פאַר איהם אַ בעקוועמליכקייט געוועזען. „מײַן בריעף וועט זײַן אויסגעצייכענט גוט״, האָט ער צו זיך אַליין געזאָגט.

„דו דזשעממאַ, האָט ער ווייטער דעם בריעף זיך דיקטירט, וועסט צייטענווייז, ווי שוין אַ פרוי, זײַן קאַפּריז, קרענקליך, אומעטיג; וועסט בײַ דײַן געליעבטען הילף זוכען. איך וואָלט דיר די דאָזיגע הילף אָהן שום צווייפעל באַלד געגעבען, אָבער מיט דעם צוועק איך זאָל זיך דערבײַ עפּיס אויסלערנען. דײַן ליידען און מײַן רחמנות אויף דיר, בײדע געפיהלען קאָנען מיר צו נוץ קומען... יאָ, ווען דו וואָלסט, חלילה, געשטאָרבען,

אָה, דו מײַן שײנע דזשעממאַ, איך װאָלט געװיס אין דער גרעסטער פערצװײפלונג געװען, אָהן אַ שום ספק. אָבער נאָך בעפאָר דו װאָלסט אויפגעהערט עטהמען, װאָלט פון מײַן פערצװײפלונג, פון דײַן טױדט, צװײ נײַע ראָלען אַריסגעקומען.

„בעלױהן מיך נישט פאַר מײַנע װערטער מיט פײַנדשאַפט! איך לעב אין שװערער אײנזאַמקײט, אָבגעזונדערט און װײַט פון יעדעס נישט איבערלעגטעס נישט נוצען ברענגענדעס געפיהל...

„אָה װי װאָלט איך געװאָלט דאָס אַלעס זאָל אַנדערש זײַן, אַז דאָס קלאַפּען פון מײַן האַרץ בשעת איך ליג אין דײַנע אָרעמס, דאָס שװימען פון מײַן בלוט דורך דײַנע הײסע קושען, זאָל עביג, עביג נאָר דורך דיר געשעהן און נישט צוליעב עפּיס אַנדערש.

„װען איך װאָלט מיט אײנמאָל און אין גאַנצען זיך דיר קאָנען איבערגעבען! זיך אָבזאָגען פון אַלצדינג, װאָס איך האָב ערװאָרבען און עס פאַר דײַנע קניע אַװעקלעגען! זאָל מען פון מיר נאָר דאָס אײנע װיסען: אַז איך בין אין דעם בעקװעמליכען שױס פון אַ פרױ פערשװאונדען געװאָרען. און דאָס גאַנצע לאַנד, װאו מײַן נאָמען איז אַזױ בעריהמט און מײַנע װערק, װי אַ טאָל אין הערבסט מיט לאָרבער־בלעטער פערשפּרײט, װאָלט איך געװאָלט דיר פאַר דײַנע קלײנע שריט אויסשפּרײטען.

„מײַן גאַנצע בענקשאַפט רײַסט זיך צום שטאַרקען, װאָס קײן זאַך איז פאַר איהם נישט צו שװער, װאָס לעבט אויס זײַן גאַנץ לעבען אין אײן שעה און שטאַרבט דערנאָך אַ גליקליכער. אָנשטאָט דעם, װאָס מיר זאָלען זיך יעצט אַזױ טרױעריג פונאַנדערשײדען, האָבען מיר בעדאַרפט הײַנט אין דער פריה, אין דער שעה פון העכסטער גליק, שטאַרבען בײדע צוזאַמען, מײַן טײַערסטע דזשעממאַ!"

פלוצלונג האָט מאַריאָ מאַילװאָלטאָ זײנע געדאַנקען איבערגעריסען:

—„פאַר װאָס טאַקע נישט הײַנט אין אָבענד? — האָט ער געשריען שטעהענדיג אין דעם שאָטען צװישען צװײ רױזען־קוסטעס. פאַרװאָס נישט איבערמאָרגען אָדער אין װעלכען עס איז טאָג, װען מיר װעלען בײדע גליקליך זײַן!

„בעדענק זיך מײַן פרײַנד, האָט איהם אינערליך אַ שטימע געזאָגט, „דו בעגעהסט דאָ אַ זעהר גראָבע געמײנהײט. דו װילסט װי צום געשװינדסטען זיך דערװײַטערען פון אַ מײדעל, װעלכע דו האָסט איבערגעװעלטיגט, דו דעקסט פאַר איהר אויף דײַנע הסרונות, װאָס זענען נאָך צו דיר אַלײן

נוגע. דו האָסט דערצו קיין רעכט נישט. קוים האָסט דו איהר ווי אַ העלד, אַ ריטער גענומען, ווי אַ רויב פון אַ מלחמה אין דיין שלאָפּצימער זי אַריינגעטראָגען, מוזט דו דיין פליכט ערפילען און בלייבען אַ העלד ביז צום סוף! זי איז צו דיר געקומען ווי צו אַ פערצייטיגען מאַלער, וועלכער האָט געקאָנט צוויי פרויען מיט אַמאָל בעפריעדיגען, איינע אויף דעם ליוועגד אין זיין מאַהלער־ראַהם און איינע אויף דעם לייוועגד פון זיין בעט. אין דער אמת'ן האָסט דו מורא, אַז איין פרוי אָדער די אַנדערע זאָל דיר דיין געזונדהייט שאַדען, טאָ שטאַרב זשע דערפון! דער נס פון היינטיגע טעג איז געשעהן. דער דאָזיגער נס האָט זיך דיר אין דער געשטאַלט פון אַ פרוי בעוויזען, אַ פרוי וועלכע קומט פון אַ פראַכטפול גליהענדער לאַנד, בעצויבערט דורך דיין רייכער פאַנטאַזיע איז זי צו דיר אין צימער אַריינגעקומען. דו האָסט דעם נס פריינדליך אויפגענומען, טאָ גלויב זשע איהם, גלויב זשע, אַז ער וועט דיך ראַטעווען! און אויב דו ביזט צו שוואַך, דו קאָנסט נישט גלויבען, טאָ שטאַרב זשע פאַר איהם, נישט אַרויסגעבענדיג קיינעם דיינע ספקות, ווי דער ליידענדער, וועלכער נישט האָבענדיג קיין אמת'ן גלויבען האָט ער זיך דאָך שוויינענדיג געלאָזט צום קרייץ צונאָגלען!

מאַריאָ מאַילוואַילטאָ האָט זיך בעשלאָסען דעם לעצטען געדאַנקען זיינעם אויסצופיהרען. טראַכטענדיג האָט ער דעם, אין געדאַנקען־אָנגעשריבענעם־בריעף, צעריסען. דערנאָך האָט ער זיך אומגעקעהרט אַהיים, וואו ער האָט זיך צענויפלעגענדיג די הענד אויף דער ברוסט, פאַר פיפּפּאָ ספּאַנאָס פּאָרטרעט אַוועקגעשטעלט. ניין, היינטיגעס מאָל האָט ער נישט געשמייכעלט, אָדער אפשר האָט ער יאָ געשמייכעלט אָבער קיינמאָל איז זיין שמייכעל נישט אַזוי גיפטיג געווען.

דושעממאַ איז צו איהר געליעבטען אין אָבענד געקומען, און אויפ'ן צווייטען אָבענד ווידער און אַזוי יעדען אָבענד.

מאַילוואַילטאָ איז געקומען צום בעשלוס, אַז אַ גלויבען קאָן מען זיך אַליין נעמען. מען דאַרף נאָר זיינע מאַניערען איבערנעהמען, לעבען לויט זיינע געזעצען, פיהרען זיך לויט ווי זיין עטהיק שרייבט פאָר: סוף כל סוף מוז דער גלויבען זיך בעווייזען.

„מען דאַרף זיך גובר זיין איבער די קונסט, וועלכע האָט אויף איהר געזיכט די מאַסקע פון ליעבע אַרויפגעצויגען; זי ביי'ן ראַנד פון בעט אָבטרייסלען, אַראָבציהען פון איהר אידרע שעפּפערישע נייגיערינקייט און איהר נאָר צו אַ פרוי אַליין צושמיעדען, מיט דעם איינציגען געפיהל אין זיך אַ פאָלקאָמענע ליעבע צו בעשאַפען.

„צופעליגע פערשווענדעריַען", האָט ער זיך געטראַכט, זענען פאַר דעם אַרבייטס-פעהיגען קינסטלער וועניגער געפעהרליך ווי דאָס לאַנגזאַמע אונטערגעהן פונ'ם קערפער דורך נישט גרויסע דאָזען אַלקאָהאָל. פון היַינט מאָל אָן וועל איך יעדען טאָג טרינקען וויַין.

אין דער צייט וואָס איך אַרבייט געוועהנליך, וועל איך ליעבערסט מאַכען חיזיטען און דוקא ביַי די, וועלכע זענען צום מעהרסטען אָרעם אין גייַסט".

„דאָס איז געווען אַ פערזעהן", — האָט ער אין איניגע טעג שפּעטער זיך אַליין מודה געווען. אין דער צייט וואָס ער פערברענגט דאָרטען אין נאַרישע פלוידערייען וואָלט ער געקאָנט אויסשרייַבען אַ שענע נאָוועלע".

אָבער אויך פון מעהר אינטעלעגענטערע און געבילדעטערע קרייַזען איז ער אַהיים געקומען אונצופריעדען.

— אין די צוויי וואָכען, וואָס איך געה אַרום לעדיג, בין איך געווארען שרעקליך עמפּפינדליך. אַלץ וואָס איך לעב אַלס קינסטלער אין דער געזעלשאַפט איבער: די אויפרעגונג פונ'ם גייסט, קוקענדיג אויף אַ שענע שעפּפונג, דער פערדרוס ווייַל מען פיהלט מיר נישט מיט, אָדער די ערנידערונג, וואָס איך איך פיהל זעהענדיג, ווי דאָס פובליקום ווערט ענטציקט פון וואָלוועלע קונסט, די אויפברויזונג ביַי יעדען פרויענבליק, וואָס בעגעגענט מיר און דער טיעפער טרויער ווען איך געפעל נישט; ווארום דאָס אייגענטליך איז אונזער גאַנצע בעשעפטיגונג—געפעלען ווערען—דאָס אַלץ פיהל איך און עמפּפינד זעהר שאַרף. אַלץ וואָס דערוועקט די אינסטינקטען, וואָס שלאָפען אין אונז — קינסטלער: אונזער גליהענדע שטרעבונג אַנדערשט איבער די נאַטור לויט איהר ווילען, מאַכט די גאַנצע וועלט אונטער זיך אונטערטעניג, אונזער דאָרשט צו פראַכט, אונזער לייַדענשאַפט אַרויפצושטייַגען צו דער גרויסער מדרגה פון כבוד, אַלץ וואָס ציהט די דאָזיגע אינסטינקטען צו דער פערשווענדעריַי, וועלכע רופט זיך אָן קונסט, — דאָס אַלץ בעמערק איך אין איין אויגענבליק און אויף אַלץ ענטפער איך...

— לאָמיר בלייַבען אין דער היים.

ער האָט אין זיַינע געדאַנקען פעסטגעשטעלט דעם פאַקט, אַז די נעבעלדיגע בערג-ליניע האָט נאָך קיין נאָמען נישט און אַז פאַר דעם זילבערנעם בליק, מיט וועלכען די אַליווען-פעלדער בעגעגענען די זון, קאָן מען נישט צופאַסען קיין שום וואָרט, וואָס זאָל איהם גענוי אויסדריקען.

פיעל מאָל האָט ער זיך ערגעץ וואו אונטער אַ בוים אַניעדערגעלעגט, פערמאַכט די אויגען ווי אַ קראַנקער, וועלכען די נאַטור בעדאַרף, דורך

דאָס לאַנגזאַמע עטהעמען, זיין פריהערדיגע מונטערקייט און קוראַזש צוריק־געבען, אָבער דאַרף פון צופיעל ליכטיגקייט נישט ווערען אויפגערעגט. — זי וועט מיך אויסהיילען, איך בין אַ קראַנקער, איך לייד אויף דער קונסט קראַנקייט.

ווען ער האָט ביי זיך געפּועל'ט זיך צו צוקוקען צו דער נאַטור, איז זי איהם אַזוי אַנגענעהם, אַזוי ליעבליך, אַזוי ניי פאָרגעקומען. די וועלט האָט ביי איהם אַזוי רייצענד אויסגעזעהן, ווי ביי איינעם, וואָס איז פון אַ לאַנגער, שווערער קראַנקהייט אויפגעשטאַנען. קיינמאָל איז ער צו דער נאַטור נישט אַזוי שטיל, אַזוי רוהיג צוגעגאַנגען אַזוי ווי יעצט; זייענדיג נאָך אַ קליין יונגעל — געדענקט ער — פלעגט ער זיך פאַר דער נאַטור שרעקען, זי איז איהם פאָרגעקומען ווי אַ שונא, מיט וועלכען מען מוז שטענדיג קעמפּפען, מיט פערשידענע אָבשפּרעכענישען אונטער זיך אונטערטעניג מאַכען, און ביז היינט איז יענער שרעק טיעף ביי איהם אין האַרצען פערבאָרגען געווען, ערשט יעצט האָט ער אָנגעהויבען בעפרייען זיך פון יענער שרעק און וואָס אַ מינוט אַלץ פרייער און פרייער געוואָרען. די ערד בעדאַרף מען שוין נישט אונטערטעניג מאַכען; ווייך און ליעבליך האָט איהם די וויטקייט צוגעשאָקעלט און דאָס קליינע בערגיל האָט איהם פריינדליך און צערטליך צו זיין גרינבעוואַקסענער ברוסט צוגעטוליעט.

אין האַלבען חודש יוני איז ער זיך אַמאָל געשטאַנען אין אַ סאָסנאָוועןּ וואַלד ביי ס ע ט ט י נ י אַ נ אָ, אויפ'ן טונקעלן וועג, וואָס איז בעדעקט מיט שטיינער און בוים־נאָדלען, און געקוקט ווי עס האָבען זיך, הינטער די שנעלע וואָלקען, איינציגע שטראַהלען אינ'ם טאָל געוואָרפען. אָט האָט ביי'ם עק לאָנקע פלוצלונג דער טייך אַ בלישץ געטהון. אָט האָט זיך אָן משופּע'דיגען וואַנד פונ'ם וואַלד געשווינד אַ גרינער פלאַם אָבגעשלאָגען

און אָט איז פון צווישען דער שוואַרצער שורה ציפּרעסען בוימער פלוצלונג אַ הויז אַרויסגעשוואומען, אין גאַנצען אין אַ העלען שיין. מאַריאָ מאַילוואָילטאָ איז איבער גליקליך געווען, וואָס ער קאָן אויף דעם קוקען און נישט זיין דערביי געצוואונגען עס צו וועלען אין בילדער אָדער ווערטער איבערצוגעבען.

נאָר אָט האָט זיך אַ ליכט־שטרייף ווייט אויף אַ קליין לאָנקע אַראָבגעלאָזט, בעגעגענדיג אַ סטאַדע בהמות, פעלזען און מענשען און פלוצלונג האָט זיך דער דאָזיגער שטרייף פערוואַנדעלט אין עפּיס אַ שאָטען, וואָס האָט זיך וואָס אַ ווייַלע אַלץ נעהנטער גערוקט און אויסגעוויזען אַזוי לייכט, אַזוי ווייס. ביים עק פון אַ הויך וועלדעל, פון וואַנען מאַילוואָילטאָ האָט געקוקט, האָט זיך דער שאָטען אין אַ פערדאַרטען קוסט בעהאַלטען. דאָס האַרץ האָט איהם אָנגעהויבען קלאַפּען: ער האָט געוואוסט ווער דאָס איז. דאָס וואָהנט זי יעצט אין דער קליינער לאָנקע, איהר קערפּער האָט זיך דאָס אינ'ם זילבערנעם גלאַנץ פונ'ם טייך אָבגעשפּיגעלט. די פאַנטאַזיע וועגען איהר איז איהם פערביַיגעפלויגען אין דער פריינדליכער צו ווינקענדיגער ווייטקייט, ווי אַ פערביי־בליצענדיג פויגעל.

— אין די גאַנצע וועלט זעה איך נאָר זי אַליין, פון אַלץ וואָס מיינע געפיהלען בעגעגנען יעצט, פיהל איך איהר אָטהעם אַרויס, איך בעקליידע איהר נישט מיט שענקליגענדע ווערטער נאָר מיט זיס שמעקעדיגע קושען. נישט קיין קינסטלערישע שעפּפונג רופט זי ביי מיר אַרויס, נאָר ריינע, אמת'ע ליעבע. אַך, ווי איך ליעב זי, ווי איך ליעב זי!

געשווינד איז ער אַהיים געלאָפען. ער האָט געקלערט איהר דאָרטען צו טרעפען.

— אָה, וואָס פאַר אַ נאַר איך בין, זי איז דאָך נאָר וואָס אַוועקגעגאַנגען.

און דאָך האָט ער זיך אויף די שטאַכעטען פונ'ם גאָרטען אָנגעהאַנגען, כדי פון דאָרטען איהר אָב צו וואַרטען. און זי איז טאַקע באַלד צוריקגעקומען. אַ ווייַסע און אַ גרינגע איז זי פון צווישען די קוסטעס אַרויסגעשפּרונגען, בעגאָסען מיט ליכטיגע שטראַהלען, פונקט די זעלבע ווי ער האָט איהר אין דער ווייטער לאָנקע פריהער געזעהן. זי האָט זיך נאָכגעיאָגט נאָך אַ יונג פייגעלע, וועלכע איז איבער די קוסטעס הינטערן ברונען געפלויגען. זי איז צום ברונען, וועלכען זי האָט פאַר גרויס אימפּעט גאָרנישט בעמערקט צוגעשפּרונגען און שיער שיער אין דיין טיעפעניש נישט פערשלונגען געוואָרען. די צווייגען האָבען איבער איהרע פונאַנדערגעפלאַטערטע אַרבעל

אָנגעהויבען צו ציטערן. די שטראַהלען, וואָס האָבען זיך הורך די וואָלקענס דורכגעשלאָגען האָבען אויסגעוויזען, ווי זיי וואָלטען זיך נאָך איהר נאָכיאָגען. און זי גופא האָט אויסגעוויזען ווי עפּיס אַנ'אונבעקאַנט בעשעפעניש בעדעקט מיט פאַנטאַסטישע פעדערן און מאַכט ווילדע בעוועגונגען; און דער דאָזיגער געדיכטער גאָרטען, האָט זיך געדאַכט, וויל זי אין זיינע געהיימסטע ווינקעלעך אַריינציהען, איהר זיינע הייליגסטע און טיעפסטע סודות פערטרויען. זי האָט שוין געהאַט איהר האַנד צום קליינעם טשיזיק אויסגעצויגען.

מאַריאָ מאַילוואָילטאָ, דערוועהענדיג אין וואָס פאַר אַ געפאַהר זי געפינט זיך, האָט פאַר גרויס שרעק אַ פירכטערליך געשריי געגעבען. דאָס געשריי האָט זי דערהערט, זיך אַרומגעקוקט, די אויגען מיט דער האַנד פערשטעלענדיג זיך, האָט אַנ'אונטערדריקטען פריידען־געשריי אַרויסגעלאָזט, דאָס שאָרכען פון אַנ'אַוועקפליהענדיג פייגעלע האָט אין דער לופט הוואַליעס געשלאָגען, און זי איז פון ברונען אָבגעשפרונגען. זי האָט זיך אין דער הויף צום וואַנד געצויגען, זוכענדיג זיין האַנד, דערביי האָבען די פיס איהרע צווישען די שטיינער עפּיס אַריטשקעלע געזוכט; אַזוי ערנאָך איז זי צו איהם אין דער הויף, צו זיינע קושען אַרויפגעקלעטערט.

ביים עק פונ'ם ברייטען, ווארימען וואַנד האָבען זי זיך ווי צוויי טויבען געקושט, געלעגען איינער אין די אַנדערעס אָרעמס און זיך הייס געדריקט. אַ לוסטיג לאַכען און פרעהליכע אויסגעשרייען האָט זיך פון ביידענס העלזע אַרויסגעריסען. דזשעמאַמאַ האָט שוויַיגענדיג און ווילד איהר געליעבטען אין האַלז געביסען און איהרע בליקען, וואָס פאַר גרויס ליידענשאַפט זענען זיי ווי מיט אַ שלייער פערצויגען געווען, זענען אויף דעם גאָרטען געפאַלען. דאָרטען אַהין האָט עס איהר געצויגען; זי האָט זיך דאָרט אַראָבגעלאָזט, איהם מיטציהענדיג מיט זיך אין איהר פראַכטפולער קעניגרייך, אין אַ שורה קוסטעס, וואָס זענען פיל געווען מיט רויטע בלומען, וועלכע האָבען הי פערבלוטיגט אויסגעזעהן און האָבען געציטערט און געפלאַטערט, ווען ביידע קערפּער האָבען זיך נעבען זיי אַראָבגעלאָזט.

מאַריאָ מאַילוואָילטען האָט זיך געדאַכט, אַז ער איז דער ערשטער אויף דער וועלט וואָס נעמט אַרום אַ פרוי, אַז די גאַנצע וועלט מיט איהם צוזאַמען איז פערשלונגען אין אַ פרוי, פערטיעפט אין גאַנצען אין אַ שטאַרקער פרויען נשמה, אַז דאָס פריהערדיגע פערשווענדערישע לעבען איז עפּיס, אַ שווערער, בייזער חלום געווען, אַז נאָר פון זייט ער האָט זיך מיט איהר בעקאַנט האָט ער ערשט אָנגעהויבען לעבען.

ווי די מעשה איז ער האט געליעבט. דזשעממא האט איהם פון א קאמעדיאנט א מענש געמאכט. מיט איהרע לייכטע קוים דערהערטע טריט האט זי איהם אויף אזוי פיעל צוריק צו דער נאטור צוגעצויגען, אז ער איז עפּיס ווי ניי געבארען געווארען! ער, ביי וועמען דאס לעבען האט אלע מאל געדיענט נאר אלס מיטעל צו די קונסט; ער, וועלכער האט זיך בעשעפטיגט בלויז מיט מאכען פראבעס איבער אלעס וואס ברענגט דעם מענשען צו ליידען אדער צו קוועלען פאר גרויס גליק; ער, וועלכער האט אין קיין זאך נישט געגלויבט און האט קיין שום צוגעבונדענקייט צו קיין שום זאך נישט געוואוסט; ער, וואס האט זיך מיט לייב און לעבען איבערגעגעבען צו זיין ארבייט און אפילו בשעת זיין מוטער איז איהם געשטארבען איז ער געזעסען אין דערבייאיגען צימער אהן שום פאר־געפיהל, — ער האט יעצט פאראויס געפיהלט דזשעממא'ס אנקומען, ווען זי איז נאך גאר ווייט געווען!

ער האט אליין נישט געמערקט ווי גרויס זיין דאנקבארקייט איז צו איהר. ער האט די ווערטער מיט וועלכע ער האט זיין ליעבע צו איהר אויסגעדריקט נישט געדענקט, ער האט זיי פריהער נישט בעקלערט, ווי בליצען זענען זיי איהם אין דער מיטט פון העכסטער גליק אין געדאנקען אויפגעפלאמט און ווי בליצען זענען זיי שנעל ווידער פערלאשען געווארען; פון די טויזענדערליי ליעבע ביי-נעמען, מיט וועלכע ער האט איהר אלץ אנגערופען האט ער נאר איהר אייגענעם נאמען געדענקט, אלע פערגריפען פון גליק, פון פריידען, פון גענוס האבען זיך ביי איהם אין דעם דאזיגען נאמען אבגעקלונגען, אין דעם איין איינציג ווארט דזשעממא.

זי איז געקומען איהם אנזאגען א גוטע בשורה: איהר ברודער האט בעקומען א בעפעהל אהועקצופיהרען זיינע סאלדאטען אויף די זומער מאנעווערעס. אין דריי טעג ארום פערלאזט ער שוין פלארענציא, און דאמאלס וועלען זיי אין פערלויף פון איניגע חדשים אומגעשטערט זיין צוזאמען. יעצט האט דזשעממא געוואגט אין איהר נאהנטע ווילע. כדי זי זאל אין איהר ליעבע דורך בעזוך פון בעקאנטע נישט געשטערט ווערען, האט זי ארויסגעלאזט א קלאנג, אז זי איז זעהר בלוטארעם און מוז, אויף דעם דאקטאר'ס בעפעהל, זעהר פיעל און זעהר ווייט געהן שפאצירען. וואס פאר א ניי גליק האט זיך יעצט געעפענט! דורך צויבער־גליקליכע טעג האבען זיי יעצט געקאנט ווייט אין דער צוקונפט אריינקוקען, א צוקונפט פון גרינע לויבען בעמאלט מיט דעם גאלדענעם זונענגלאנץ, גליק און פריידען האט זיך פאר זיי אויסגעשפרייט ביז די סאמע

לעצטע טעג, ווען שוואַרצער מאַרמאָר וועט שוין אויף זייערע פינסטערע קבֿרים מיט גאָלדענע אויפשריפטען בלישצען.

ווען זי איז פון זיין צימער אַרויסגעגאַנגען האָט ער פלוצלונג זיך ווידער געפיהלט עלענד, פערלאָזט, ווידער איז איהם בעפאַלען אַנ'אומעט, וועלכער איז עפּעס ווי פון אַנ'אַנדער לעבען צוריקגעקעהרט.

מיט אַנ'אויפגערעגט האַרץ האָט ער איבער'ן צימער אַהין און אַהער געשפּאַצירט. אין צימער האָט אַ שרעקליכע אונאָרדנונג ווי נאָך אַ פּאָגראָם געהערשט. דאָ האָט זיך איין הענדשקע אַרומגעוואַלגערט, דאָרט אַ צע־קוועטשטע בלום. ביכער מיט איליוסטראַציעס זענען געלעגען אין אַ ווינקעל אויף אַ באַרג פּאַפּיער. אַרום דעם האַלז פון אַ פלאָרענטינישע פיגור לויט דעם פערצייטיגען סטיל איז אַרומגעבונדען געווען אַ גרויסער האַלזטוך פון גאָר דער לעצטער מאָדע. מ אַ י ל ו ו אָ י ל ט אָ האָט דעם הוט אָנגעטהאָן, גלייך ווי זייענדיג ערגעץ אין אַבי וואָסערע קאָנדיטעריי אָדער אין וועלכען עס איז אָרט, וואו מען פערברייגגט צופעליג אַ שעה אָדער צוויי. ער האָט זיך דאָ מעהר נישט געפיהלט היימיש, ער איז צו דער דאָזיגער פרעמדער בעשעפעניש צוגעשמידט געווען, צו דער בעשעפעניש, וועלכע איז צו איהם צוגעלאָפען, אַרומגענומען און ווידער פלוצלונג פערשוואונדען געוואָרען. זי האָט מיט פּיפּפּאַ ספּאַנאָ אַ בונד געשלאָסען, זיי זאָלען דאָס ביידע אין זיין הויז אַזאַ קריעגס־צושטאַנד איינריכטען. אויף די טאַפּעטען פון ערד קאָליער האָט זיך פּיפּפּאָ ספּאַנאָ נאָך מיט מעהר ענטשלאָסענהייט צום שפּרינגען צוגעגרייט. מ אַ ה י אָ מ אַ י ל ו ו אָ י ל ט אָ האָט זיך געפיהלט, אַז ער טויג נישט צו אַזאַ סאָרט לעבען, צו אַ לעבען אין וועלכען מען מוז יעדע סעקונדע זיין גרייט צום קאַמפף. ער האָט געוואָרפען אַנ'אומעטיגען בליק אויף זיין צעוואָרפענעם שלאָף־צימער, אויף זיין טואַלעטען־צימער, וועלכער איז אין גאַנצען מיט וואַסער פערשפּריצט געווען. און נאָר דאָס קליינע, ווייסע גאַסט־צימער, וואו זי האָט זיך איהם דאָס ערשטע מאָל אין יענער לבֿנה נאַכט פאָרגעשטעלט, איז אומבערידרט געבליבען. זי איז דאָרטען קיינמאָל ניט אַריינגעגאַנגען; דאָס דאָזיגע צימער איז ביי איהם הייליג ווי אַ קדשי קדשים געבליבען, וואו מען דאַרף קיינמאָל נישט איבער זיין שוועל אַריבערטרעטען. ט י נ אָ די גרויסע אַרטיסטקע, האָט ער זיך פלוצלונג דערמאָנט, איז דאָרטען זעהר אָפט געוועזען. ווען זי איז אין גאַנצען דורכגעדרונגען פון קינסטלערישען געפיהל געוועזען איז זי מיט איהם צוזאַמען ווי מיט דעם בעסטען גוטען פריינד געזעסען פערטיעפט אין שעפערישע געפיהלען און שטימונגען. — אַה, דאָס האָט מיך צו

אַרבּייטען געטריבּען. וואָס רעד איך — מיר האָבּען זיך איינער דעם אַנ־דערן געליעבּט, כּדי מיר זאָלען קאָנען בּיידע צוזאַמען אַרבּייטען. בּעדאַרף עס מיר טאַקע צו פּערדריסען, וואָס יענע צייט קומט נישט מעהר צוריק?

אָבּזיפּצענדיג האָט ער דעם שליסעל אין שופלאָד פונ'ם שרייבּ־טיש אַריינגעשטעקט, וואו עס איז זיינע אָנגעהויבּענע אַרבּייט געלעגען. דאָס איז געווען דער איינציגער אָרט אין צימער, וואו די קליינע זעלבּסט־הערשערישע הענד פון דושעמממאַ האָט נאָך גאָרנישט איבּערגעמאַכט.

— גאָט מיינער, ווי לאַנג איך האָבּ שוין נישט געשריבּען! איך פּערשטעה שוין יעצט גאָרנישט, ווי איך האָבּ גאָר אַמאָל געקאָנט שרייבּען. נישט איין איינציגע צעטעל פון דעם אַלעם וואָס איך האָבּ אַמאָל אָנגע־שריבּען וואָלט איך היינט נישט קאָנען אָנשרייבּען. איך האָבּ דאָך שוין מיין גאַנצען טאַלענט אָנגעוואָרען!

ער האָט דעם קאָפּ אויף די הענד אַראָבּגעלאָזט.

— ווען מיר וועלען זיך בּיידע צעשיידען, איך און דאָס דאָזיגע מיידעל, — אַמאָל וועט דאָך מוזען קומען דערצו, — וויפיעל חדשים וועט עס דויערן בּיז איך וועל זיך אַליין אין אָרדנונג בּרענגען, וויפיעל חדשים וועל איך זיך מוזען פּיהרען היגעניש, בּיז איך וועל צוריק בּעקומען די כּחות, וואָס איך פּערשווענד יעצט אַזוי לייכטזיניג.

— צי קומט איהר האָטש ווען אויף די געדאַנקען אַרויף אַז זי קאָסט מיר שוין יעצט אַ האַלבּען ראָמאַן? אמת, זי איז טייער, אָבּער ס'איז דאָך שווער גאָר צו גלויבּען ווי טייער אַ פרוי האַלט זיך; וואָס פאַר אַ קרבּן מען זאָל פאַר איהר נישט בּרענגען, נעמט זי דאָס אַלץ מיט די קלענסטע פּערוואונדערונג אָן; דאָס איז שוין אַ בּאַוואוסטע זאַך; אָבּער דאָך קומען דאָך פאָר אַזעלכע מינוטען, וואָס עס פּערדריסט דאָך וואָס זי האַלט זיך אַזוי טייער!

— אַח, זאָל זיין. אַלץ וועל איך דאָך אַ היבּש בּיסעל גייסטיגע שפּייז פון דער דאָזיגער געשיכטע בּעקומען. קאָן זיין, אַז איך האָבּ ווידער נויטיג געהאַט עפּיס שטאַרקעס איבּערצולעבּען; אויבּ נישט בּעקומט מען אַזאַ מין קונסט, וועלכע שעפּט אַלץ פון זיך אַליין און ווערט טאַקע דעריבּער געשווינד אויסגעשעפּט. וואָס דאָס דאָזיגע מיידעל האָט מיר געגעבּען, וועל איך זיך דערוויסען שפּעטער, שפּעטער...

און בּעזייטיגענדיג אַלע געדאַנקען האָט ער אַ מאַך געטהון מיט דער האַנד.

— איך בּין צופיעל מיעד. וואָס אייגענטליך איז און דער אמת'ן

אין דעם נס? מיעדיגקייט און מעהר גאָרנישט. זי האָט מיך שוין צופיעל
אין דעמנ ס? מיעדיגקייט און מעהר גאָרנישט. זי האָט מיך שוין צופיעל
בעהערשט און איך קאָן שוין מעהר גאָרנישט אַרבייטען!

זי ווייסט דאָס נישט. איך בין איבערצייגט, אַז זי ווייסט דאָס נישט. זי איז זעהר מאָראַליש. נישט קוקענדיג אויף איהרע פולע רויטע ליפען, וועלכע זויגען זיך איין ביים קושען, נישט קוקענדיג אויף איהר גנבה'שען גאַנג, איהרע פערפיהרישע בעוועגונגען און איהרע אויגען, וועלכע זי פערמאַכט טייל מאָל, פאַר גרויס ליידענשאַפט, — נישט קוקענדיג אויף דעם אַלעם, איז זי דאָך זעהר, זעהר מאָראַליש. איהרע מיט ליידענשאַפט פולע אויגען זענען פול מיט נאַטירליכער ריינקייט. און קוים דאָרשט איהר נשמה אַזוי פייעריג נאָך מיר, ווי זאָל איהר קערפער אויך נאָך מיר נישט דאָרשטען. ביי איהר איז דאָך דער קערפער מיט די נשמה ווי פון איין שטיק געגאָסען. זי פערשטעהט נישט קיין גליק אָהן ליידענשאַפטליכען גענוס. זי מיינט, אַז כדי צו געבען דער נשמה איהר ענטציקונג מוז מען דעם קערפער פערשכור'ן. איז זי דען נישט גערעכט?

ער האָט דעם מאַנוסקריפּט אין שופלאָדע אַריינגעוואָרפען און האָט פערגעסען דעם שליסעל אַרויסצונעמען. טיעף אָבעטהמענדיג איז ער אויף דער טעראַסע אַרויסגעגאַנגען. ווידער האָט איהם נאָך איהר געדאָרשטען.

אויפ'ן צווייטען טאָג איז אָנשטאָט זי געקומען אַ בריעף. זי איז בעשעפטיגט, שרייבט זי איהם אין בריעף, מיט איהר ברודער'ס אָברייזע, זי האָט פיעל צו טהון, מוז איהם אַלעס אויפ'ן וועג בעזאָרגען. גאַנצע דריי טעג וועט זי נישט קאָנען קומען צו איהם!

די דריי טעג איז מאַריאַ מאַילוואָילטאָ. אָהן שום אַרבייט געזעסען אין זיין צימער, יעדע מינוט גרייט צו'ם אויפשפרינגען פאַר אומגעדולד. זי וויל מיר געוויס מאַכען אַנ' איבעראַשונג, קומען אום פערהאָפט, האָט ער זיך געפרובט טרייסטען. יעדע מינוט האָבען אין גאָרטען די קוסטעם געקאָנט שאָרכען, ווען זי בייגט זיי איין הורכגעהענדיג דורך דער געהיימער טיר.

זי איז אָבער ערשט אין דער בעשטימטער צייט געקומען, אוני שעלמיש געלאַכט. — זי האָט דאָך דאָס וואַרטען געמוזט אויפרעגען? און וויפיעל האָט עס מיך אויפגערעגט! — האָט זי ערנסט געזאָגט און פיבערינדיג איהם אויפ'ן האַלז אַרויפגעפאַלען.

פלוצלונג איז איהר עפּיס איינגעפאַלען צו פרעגען:

— זאָג מיר, דו אַרבּײַסט חאָטש װען ניט איז?

ער האָט מיט'ן קאָפּ אויף נײַן געשאָקעלט.

— נײַן, מיט אַנ'אמת, איך װיל דאָס װיסען. װען איך װאָלט ניט געקומען, װאָלסט דו נאָך אַלץ געזעסען און געװאַרט אויף מיר? דו זעהסט אָבער אויסגעצײכענט אויס, בעסער, פיעל בּעסער װי פריהער. אָבער איך האָב נאָך קײנמאָל דיר ניט געזעהן זיצענדיג בײַ'ם שרײַב-טיש. דו קלערסט דאָך מסתמא ניט, אז איך װיל דיך פון דעם אָבּרײַסען?

ער האָט פערשטאַנען איהר מײן. זי האָט איהם בּעגעהרט אין גאַנצען, זאָגאר זיצענדיג בײַ'ם שרײַב-טיש. — זי האָט מורא, — האָט ער זיך געטראַכט, — אַז איך בּעהאַלט זיך פאַר איהר, װען איך שאַף עפּיס, אַז איך פערבּאָרג אין זיך אינװעניג נאָך אַנ'אַנדער לעבען, װאָס געהערט ניט איהר. װען זי װאָלט געװאוסט װי זי איז זיך טועה!

זי האָט בּעמערקט דעם שליסעל אין שופלאָד, האָט זיך צו איהם אַ װאָרף געטהון און אַרויסגעחאַפּט אַ מאַנוסקריפּט.

— אָט בּיזטו אַרײַנגעפאַלען! דאָס האָסט דו מיר נאָך ניט געװיזען. אַזאַ שענע זאַך.

דאָס ערשטע מאָל איז איהם אויסגעקומען צו זעהן, אַז זי בּעציעהט זיך צו עפּיס מיט אַבטונג. אין בּעסטען אָרדנונג האָט זי אױעקגעלעגט די בּלעטער אויפ'ן טיש.

— נו, יעצט זעץ זיך!

— איך מוז שרײַבען? דושעממאַ, בּעדענק זיך נאָר, דרײַ לאַנגע טעג האָב איך זיך געריסען צו דיר!

— אַז דו װעסט ניט שרײַבען בּעדאַרף איך דיר גאָרניט!

ער האָט זיך ענטשולדיגט. מיט אַטרויעריגע מינע האָט ער איבער־געבלעטערט דאָס אָנגעשריבענע, מיט גרויס מיה האָט ער זיך דערמאָנט דאָס זאַץ, וואָס איז שוין ביי איהם אין די גערשאַנקען פאַרטיג געווען. ער האָט עס אָנגעשריבען — און דערמיט האָט זיך אַלעס געענדיגט. ווען ער האָט די אויגען אויפגעהויבען איז די שעממא געשטאַנען אין גאַנצען אַ נאַקעטע מיט די הענד איבער'ן ברוסט פערוואָרפען.

— ט, יעצט שרייב, — האָט זי שטיל און מיט אַכטונג געזאָגט.

ער איז געזעסען גלייך, אין גאַנצען אַ בלאַסער און זיך געביסען די ליפּען. זי האָט זיך אָנגעהויבען אַרום איהם דרעהען: זי האָט זיך איהם אויסגעוויזען ווי אַ ווייסער, זעהר גרויסער בלום, וואָס דרעהט זיך אַרום איהם און בלאָזט אויף איהם אַ קיהל מהודיג ווינטעל.

— איך וויל, דו זאָלסט פון מיר בעגייסטערונג בעקומען, — האָט זי געשעפּטשעט.

זי האָט זיך צו איהם מיט איהר נאַקעטען לייב צוגערירט. דאָס גאַנצע בלוט זיינע האָט זיך איהם אין פּנים הואַליעס־וויז אַריינגעשפּאַרט. אָ, יאָ, בעגייסטערונג! געפיהלען פון נישט ערקלערבאַרע עמפּפינדונגען זענען אין זיין האַרץ אויפגעשטיגען, — עפּיס אַ גאַנצער יונגער וואַלד פול מיט גייסטער, מיט בלומען און גראָזען פון די אָנגענעהמסטע ריחות, אַ וואַלד פון וועלכען עס רוישען און ברילען די ווילדעסטע חיות. ער איז געווען אונבעהאָלפען, נישט איינעם פון זיינע ברויזענדע געפיהלען האָט ער נישט געקאָנט בעהערשען, פון דעם אַלעס וואָס קומט ביי איהם יעצט פאָר האָט ער זיך קיין שום בילד נישט געקאָנט צוזאַמענשטעלען, נישט איין איינציג וואָרט געפונען. — דאָס אַלץ וועט קומען שפּעטער, שפּעטער...

ער האָט איהר געזעהן שטעהן פאַר איהם אויפ'ן שוועל בעגאָסען מיט זונענגלאַנץ. איהר הויט־פאַרב איז געווען ראָזיג און אַניעדלער קוים פיהל־באַרער ריה, וואָס צעגיסט זיך אין אַלע גליעדער האָט זיך פון איהר יעדערן אָדער'ל געטראָגען. ווי אַ רייצענדע גאַזעל האָט זי אויסגעזעהן, איהרע פונאַנדערגעלאָזטע האָר האָבען זיך ווי ביי אַ וואַסער־נימפע אַרום איהר לייב געוויקעלט.

זי האָט זיך איהם אויסגעוויזען ווי אַן־אונשולדיגער מלאך, וואָס קומט ערשט פון הימעל אַראָבגעפלויגען, בעגאָסען מיט הימלישען ליכט, שוועבט לייכט און געשווינד פאַר זיינע אויגען און בלענדעט זיי, אַזוי אַז ער קאָן קוים קוקען אויף די ערדפאַרביגע טאַפּעטען אויף דער וואַנד. אָט קוקט זי זיך אין איהם איין פון זיינע אַקסעל אַראָב און אָט ווערט

זי ווידער ווי אַ געהיימער גייסט פערשוואונדען נישט איבערלאָזענדיג גאָרנישט, אויסער אַ לייכטען ריח, וואָס איז ענליך צו די שפּור פון עפּיס אַ פערכישופטען חלום.

און פּלוצלונג איז זי שוין געשטאַנען דאָרטען, ביים עק פון זיין ברייטען טיש מיט הויכע אויפגעשטאַרצטע האָר איבער דעם און אַ זייט אָבגעבויגענעם פּראָפיל, מיט דעם יונגען אויסגעבויגענעם האַלז, מיט איין האַנד ביים ברוסט, און די אַנדערע ביי די פערשלאָסענע לענדען — אַ וואָרע וועגוס...

— ווען דו ווערסט נישט שרייבען... האָט זי ענדליך געזאָגט.

ער האָט אָנגעהויבען האַקען אויפ'ן פּאַפּיער אַלץ וואָס ס'איז איהם נאָר אַריינגעפאַלען אין קאָפּ. זי איז נייגעריג נעהנטער צו איהם צוגעגאַנגען, האָט זיך געזעצט אויף דעם פּאָרענטש פון זיין שטול און האָט אָנגעהויבען קוקען. ער האָט געזעהן, ווי עס ציטערן די מוסקולען פון איהרע דינע פּיס און האָט ווייטער געשריבען. איז דען נישט אַלץ איינס! ער האָט געפיבערט פאַר זיסער בעפרידיגונג. ער האָט זיך געפיהלט ווי אויף עפּיס אַ געפעהרליכע הויכקייט, העכער פאַר אַלץ וואָס האָט זיך איהם אַמאָל אויסגעדאַכט פאַר דאָס העכסטע אין דער וועלט. די קונסט? די קונסט צו וועלכער מען קאָן קיינמאָל נישט צוקומען? צוליעב וועלכער ער האָט זיך געלאָזט דאָס גאַנצע לעבענס-זאַפט אויסזאָגען און איז אַזוי אויסגעמאָגערט, אַזוי אויסגעדאַרט געוואָרען, צוליעב וועלכע ער האָט זיך פון דער מענשהייט ענטזאַגט, אום צו ווערען אַ קאָמעדיאַנט. אַה, און וואָס טהוט ער יעצט? שפּיעלט ווידער אַ קאָמעדיע. יעצט איז שוין אפילו די אַרבייט זיינע, די אַרבייט ביים שרייב-טיש, די קונסט גופא אַ קאָמעדיע ביי איהם געוואָרען, און די דאָזיגע קאָמעדיע האָט ער אין נאָמען פון דער ליעבע געשפּיעלט!

דזשעממאַ האָט זיין קאָפּ אַרומגענומען און איהם אַהינטערגעבויגען, גלייך ווי זי וואָלט געוואָלט אַהיים פיהרען אַ קינד, וואָס האָט אַ גאַנצען טאָג אַרומגעבלאָנדזשעט נישט געפינענדיג זיין היים.

שטיל האָט זי זיך צו איהם צוגעבויגען, בכדי איהר ליידענשאַפט צו בעפרידיגען, האָט איהם מיט ברענענדיגע קושען בעשאָטען. ער האָט זיך אין גאַנצען אין איהר קערפּער פערוויקעלט, וועלכער איז מיט איהר ליעבלינג-פּערפום איריס דורכגעזאַפּט געווען.

צו מיטאָג האָט זי געמוזט זיין אין דער היים. זי איז אין טאַלעטענציממער אַריינגעגאַנגען. באַלד נאָך איהר אַרויסגעהן האָט ער זיך דערפיהלט

העכסט אומגליקליך, אַ גאַנצע שעה האָט ער געמוזט זיין אָהן איהר.

— איך קאָן גאָר מיט איהר נישט זאַט ווערען, — האָט ער צו זיך אַליין געזאָגט פערדריסליך. מיר דאַכט זיך, אַז איך וועל דורך איהר קיינמאָל גאָרנישט אָבגעשוואַכט ווערען. פערקעהרט, זי מאַכט מיר נאָך שטאַרקער, איך פיהל מיך יעצט געזונדטער און מונטערער ווי אַלע מאָל, דער אַפּעטיט איז מיר בעדייטענד בעסער, איך רייט יעצט אויף מיין פערד אָהן שום אָנשטרענגונג, האָב זיך מיר גוט איינגעאיבט אין פעכטען. איך קלער וועגען גאָרנישט — איך בין גליקליך!

און אָט אין וואָס עס בעשטעהט דאָס גליק: ווערען אַ קערפּער. מיין קראַנקע פאַנטאַזיע האָט ביז יעצט געשטרעבט נאָך עפּיס, וואָס האָט מיר עמפּפינדליך געמאַכט און מיר פון מענשען דערווייטערט. שטענדיג האָב איך די פרויען נישט נאָר מיט מיין קערפּער געליעבט, נאָר אויך מיט מיין גייסט, איך האָב געליעבט יענע פאַנטאַזיעס, וועלכע איך גופא האָב אין זיי בעשאַפען. דאָס איז אַ דאָפּעלטע ליעבע געווען און דאָס האָט מיך אָבגעצעהרט. יעצט אָבער, ווען איך ליעב נאָר מיט'ן קערפּער אַליין, אַ ליעבע ווי די מענשליכע נאַטור פאָדערט, יעצט וועל איך ווערען געזונד, אין גאַנצען געזונד. דזשעממאַ איז נישט קיין פּוסטע פאַנטאַזיע, זי איז אַ ווירקליכקייט, און איך גופא בין שוין אויך נישט מעהר קיין פאַנטאַזיאָר. איך בין יעצט אַ קערפּער וועלכער ווערט נישט פערצעהרט אויף דעם חשבון פון גייסט, איך האַלט יעצט די גלייכגעוויכט צווישען קערפּער און גייסט, איינער זאָל דעם אַנדערן נישט איבערשטייגען און איך בין דערמיט העכסט צופריעדען. איך ליעב זי אָהן געהיימע געדאַנקען, אָהן די בענקשאַפט פון פראָסטער ליידענשאַפט, פונקט אַזוי ווי זי האָט געוואָלט געליעבט ווערען, ווען זי האָט זיך מיר אַמאָל ביי נאַכט אין די אָרעמס געוואָרפען! איך וועל שוין מעהר נישט שרייבען קיין פאַנטאַסטישע ראָמאַנען, איך וועל גאָרנישט שרייבען מעהר. איך האָב יעצט בלויז לעבעדיגע פאָרשטעלונגען פון קערפּערשאַפט. איך זעה זי אין דעם יעצטיגען אויגענבליק אַזוי דייטליך, גלייך ווי זי וואָלט גאָר פון מיר נישט האָבען אַוועקגעגאַנגען. מיין מאַרך, דאָס גאַנצע בלוט מיינע איז מיט איהר לייב אָנגעפילט, מיט איהרע הענד, וועלכע זעהען ווי בלומען שטענגלעך אויס, אָנגעפילט מיט איהרע לאַנגע, עדעל אָבגערונדעטע לענדען, וועלכע עפענען זיך פאַר מיר. איך בין ווי אין אַ נעץ מיט איהרע גראַציעזע בעוועגונגען פערפלאָכטען. זי איז פול אין מיר, אין מיין הויז, אין מיין גאָרטען, אין דעם הימעל: אומעטום איז זי פול, האָטש זי גופא איז וויַט פון

דאַנען, — אומעטום וועה איך איהרע בעוועגונגען, וואָס וועגען גלייך ווי די בעוועגונגען פון אַגיעדעלער רויז, ווי זי צעלאָזט איהרע בעשיידענע בלעט־לאַך פונאַנדער און פערשפרייט אַני אָנגענעהמען געדוך.

זי איז צוריקגעקומען, שוין אַנאָנגעטהוענע. ביים געוועגנען אָבער, ווען זיי האָבען זיך אַזוי הארציג צעקושט, איז זי ווידער האַלב אַנאויסגע־טהונענע געלעגען אין זיינע אָרעמס.

— איך געה שוין נישט מעהר אַהיים! — האָט זי געזאָגט און לײַדענ־שאַפטליך מיט די פיס געקלאַפט, — מיר וועלען ביידע צוזאַמען מיטאָגען.

ער האָט איהר אַריינגעפיהרט אין אַ צימער, וואו דאָרטען וועגען די הייסע זונען שטראַהלען ניט אַזוי צוגעקומען, דער פענסטער פון יענעם צימער איז אַרויסגעגאַנגען אין גאָרטען, וואו עס וועגען געשטאַנען ערשט גרינגעוואָרענע בוימער און זיך ווי צו אַ תפלה געשאָקעלט, אַ מאַרמאָר פיגור האָט זיך צוים העל־בלויען ים אַרויסגעבויגען, פון די נאָהענטע פעלדער האָט זיך דורך די אָפענע פענסטער אַ פרישער ריח געטראָגען און פון ים האָט אַ לייכט ווינטעל געבלאָזען.

מאַילוואָילטאָ האָט דאָס עסען ביים שוהל נאָך פון דיענערים האַנד אַרויסגענומען און אַליין עס אויף דעם טיש געשטעלט.

— עפיס שרעקסט דו זיך היינט צופיעל! — האָט דושעממאַ געזאָגט.

— איך שרעק מיך נישט, מיין טייערע, איך בין אייפערזיכטיג, — האָט ער זיך אָבגערופען. אפילו אָט דער גלטיטשקער, דער אויסגעטריקענטער שאַרבען בעדאַרף נישט וועהן דאָס מינדסטע שטיקעל לייב דיינס, וועלכעס שיינט אַרויס דורך די העמד־שפיצען וואָס אויף דיין ברוסט. אַלץ איז מיינס!

נישט ענטפערענדיג און בייסענדיג די ליפען מיט די צייהן, האָט זי אַראָבגעריסען פון זיך אַלץ, וואָס האָט נאָך איהר קערפער בעדעקט. עה איז צו איהרע קניע מיט זיינע ליפען צוגעפאַלען.

האָב איך דיר דען שוין אַמאָל נישט געזאָגט, — האָט זי מיט אַ צופריעדענעם שמייכעל געשעפטשעט, אַז פאַר דיר וויל איך שטענדיג שטעהן נאַקעט!

ער האָט זיך אויפגעהויבען.

— עס קען זיין, אַז „פאַן" דער גאָט פון די פאַסטוכער קוקט אויף אונז פון פעלד אַרויס, ווייטער וועהט אונז קיינער נישט.

— לאָמיר האָפֿען, — האָט זי. געזאָגט מיט אַ שמייכעל.

— די פֿויערען אַרבייטען מעהר נישט אויפ׳ן פֿעלד אין אַזעלכע היצען. און אַחוץ דעם זענען זייערע פֿעלדער אַדוּמגעצוימט. אין אונזער גאָרטען איז נישטאָ קיין שום ווינקעל, וועלכען מען זאָל קאָנען פֿון אַ דערבייאַיג הויז זעהן. איך האָב זיך איבערצייגט אין דעם, איך האָב טאַקע צוליעב דעם צוועק אומעטום געמאַכט וויזיטען... אומרוהיג בין איך נאָר וועגען דיינע מענשען, וואָס וועלען זיי זאָגען דערצו וואָס דו ביזט אַזוי לאַנג נישטאָ?

— איך? נאָרנישט. דערויף זאָל מיין חבר׳טע זאָרגען. זי מוז שוין געפינען אַנ׳אָרט, וואו איך קאָן אַזוי לאַנג זיין. דערצו האָב איך זיך דאָך געשאַפט אַ חבר׳טע.

די ליידענשאַפט פֿון דער דאָזיגער פֿרוי וועלכע קוקט אויף קיין געפאַהר נישט האָט איהם אין ערשטוינונג געבראַכט. עס האָט איהם אָטהעם פּערפּעהלט.

געשווינד האָט זי די שטאַרק געווירצטע שפּייזען געגעסען. דערביי איז זי ביי איהם אויף די קניע געזעסען. — די הויפּט שפּייזע בין פּאָרט איך, — האָט ער, מיט אַ צופֿריעדענער מינע אויפ׳ן פּנים, געטראַכט.

דערנאָך האָט ער לייכט אָבעטהמענדיג געזאָגט:

— בכדי איך זאָל פֿון הונגער נישט שטאַרבען, בעדאַרף איך איינריכטען געהיימע מיטאָגען.

זי האָט זיך פונאַנדערגעלאַכט, האָטש זי האָט איהם נישט פערשטאַנען.

אין דער פריה האָבען זיי זיך אויפגעוואַכט פונקט ווען די זון האָט אָנגעהויבען אויפצוגעהן. איהרע ערשטע דינגע שטראַהלען זענען דורך די אָפענע פענסטער אין זייער צימער אַריינגעדרונגען, שטענדיג גאָלדענע שטויב קערענדלעך צווישען די הויכע גרין-בלויע פאָרהאַנגען. דושעממאַ האָט אויסגעשטרעקט די האַנד אום זיי אויפצוהאַפען. בעפרייענדיג זיך פון אונטער דער קאָלדרע האָט זי זיך אַרויפגעשטעלט אויף דעם ווענדטיל פון בעט; דאָס לייכטע, דורכזיכטיגע מאַטעריע פון איהר העמד האָט געפלאַטערט אַרום איהרע גראַציעזע, לייכטבעוועגענדיגע גליעדער און אין גאַנצען איז זי געווען בעגאָסען מיט אַ גרין-בלויען גלאַנץ. די גרין-בלויע ליכטיגקייט האָט זיך ווי אַ שטראָם געגאָסען איבער די ווענד, די פאָדלאָגע און די מעבעל; איבער די בעטען, קאָמאָד, שראַנק און שפיגעל פון פיינעם רענעסאַנס סטיל, וועלכער האָט פערנומען די גאַנצע ברייט פון וואַנד וואָס צווישען די צוויי פענסטער.

אין ווינקעל ביים פענסטער האָט די זון אויף אַ בילד געשימערט.

— וואָס איז דאָס אַזעלכעס?

אין דער האַלבפינסטערניש, דורך וועלכער די זונען-שטראַהלען האָבען זיך דורכגעשנירעלט, האָט דושעממאַ די האַנד אויסגעשטרעקט, גלייך ווי עפיס אַ צויבערהאַפטע בעשעפעניש וואָלט פון דער ים-טיעפעניש וועגען עפיס וואונדערבאַרעס געפרעגט.

— דאָס האָב איך נאָך קיינמאָל נישט בעמערקט.

— ווייל דו ביזט נאָך ביי מיר קיינמאָל נישט געבליבען ביז זונען-אויפגאַנג. נאָר אין דער מאָרגענשטונדע זעהט זיך דאָס בילד.

— אַה, וואָס פאַר אַ משונה'דיג בילד דאָס איז. אַ האַלב קיילעכדיגער דורכגאַנג אין אַ פעלזען, אינוועניג פליהען אַרום גייסטער מיט פאַנטאַסטישע פליגעל און שלאַנגען-ווידעל, עס קריכען אַרום קליינע שלענגלעך און עפיס אַ וואונדערבאַרע בעשעפעניש מיט אַן אויפגעבלאָזענעם בויך; עס זעהן זיך פרויען, גרויסע פרויען, וואָס זייערע האָר זענען פול מיט ציטיגע דונקעלע פרוכט; שלוכצענדיגע לאַקאָנען וועלכע האָבען די פאָרם פון אַ צוואַנג; פרויען מיט לאַנגע, שמאָלע אַראָבהענגענדיגע ברוסטען, ענליך צו אַנאַטאָמיע פון אַ בהמה. זיי דרעהען אַרום עפיס אַ גרינע גלאָז, אין וועלכער עס זעהט זיך אַ סאָווע... און דאָרט אין דער טיעפעניש פון דעם האַלב קייעכדיגען דורכגאַנג, וואו עס זענען כלופעס אויס-

געשטעלט, שטעהט אַ בעט אויף וועלכער עמיצער ליעגט און פאַנטאַזירט.

— דאָס בין איך, דזשעממאַ, דען איך בין געוועזן דער איינציגער, וועלכער האָט זיך פערשטאַנען אויף דעם גרויסען ווערט פונ'ם דאָזיגען בילד. דער אָריגינאַל פון דעם, וועלכער איז קיינעם נישט בעקאַנט, העננט ערגעץ וואו. איך שטאָלציר מיט די בילדער, וועלכער קיינער פערשטעהט זיי נישט; זיי געהערען אין גאַנצען מיר!... וויפיעל מאָל האָב איך שוין אין דער מאָרגען-שטונדע — האָט מאַילוואָלטאָ ווי פאַר זיך געזאָגט, זיך אין בעט אויפשטעלענדיג — אַרויסגערופען אַלע מיינע פאַנטאַזיעס און פאַר יעדע פון זיי האָב איך אין דעם דאָזיגען בילד געפונען אַ סימוואָל...

דזשעממאַ האָט אַ געשריי געטהון און זיך געוואָרפען אין די אָרעמס פון איהר געליעבטען.

— דאָס איז עקעלדיג, דאָס איז עקעלדיג! — האָט זי געשריען. — אַ מאַסקע מיט אַ גרויסער נאָז, אין גאַנצען אַ רויטע און פונקט ווי אַלע־בעדיגע און דערצו נאָך פון הויט, הויט פון אַ מענשישע געזיכט!

אין אַ פּאָר מינוט אַרום האָט זי נאָך אַלץ אַ דערשראָקענע געפרעגט:

— וואָס בעדייטעט דאָס?

— איך האָב עס שטענדיג געהאַלטען פאַר אַ בעדייטונג פון קונסט, — האָט ער געענטפערט. — די דאָזיגע אָבגעשונדענע הויט, וועלכע פוצט זיך אין דער פאָרם פון שוין אַ געשטאָרבענעם קערפּער אויס, פאַנטאַסטיש פערשענערענדיג די קאַנאַלען אין וועלכער עס האָבען אַמאָל די שוין פערגליווערטע בלוט געפלאָסען, — פאַר מיר האָט די מאַסקע די קונסט פאָרגעשטעלט. הינטער דער דאָזיגער הויט, וועלכע בלאָזט אַזוי לעבעדיג די נאָז-לעכער פונאַנדער און פינטעלט מיט די אויגען, האָב איך געזוכט דעם קערפּער, דאָס לעבען גופא. קיין לעבען איז נישט געוועזן, פאַר מיר נישט געוועזן... אָבער יעצט האָב איך עס, בעהערש איך עס!

ביידע האָבען זיי זיך פון זייער לאַנגער אומאַרמונג בעפרייט. דזשעממאַ איז נאָך אַמאָל צום בילד צוגעגאַנגען.

— זי איז ווירקליך עקעלדיג! — אָבער דאָך וויל איך זי האָבען. איך וויל פון איהר מאַכען אַ מאַסקע, דיר דערמיט צו שרעקען. דו מוזט עס מיר אויסמאָלען. נעהם געשווינדער פּאַפּיער.

ביידע זענען זיי אין זיין אַרבייטס-צימער אַריינגעלאָפען, האָבען געזוכט אין אַלע ווינקעלעך, אָבער מעהר ווי מאַנוסקריפּטען-פּאַפּיער נישט געפונען.

— אַ פּנים קיין אַנדער פּאַפּיער איז נישטאָ, — האָט הזשעממאַ אונענטשלאָסען געזאָגט.

ער האָט צו איהר נאָז צוגעלייגט אַ בלאַט פּאַפּיער און עס אַזוי שטאַרק צוגעקוועטשט, אַז איהר נאָז האָט עס דורכגעריסען.

— וואָס טהוסטו דו?

— דו ווייסט נישט וואָס דאָס איז? דאָס איז די הויט, די הויט, אונטער וועלכע עס דאַכט זיך אונז אַזוי פאַלש, אַז דאָס בלוט פליסט. אָט האָסט דו די מאַסקע, וועלכע דו האָסט געבעטען!

זי האָט דאָס צוריסענע פּאַפּיער אין האַנד געהאַלטען. ער האָט אָנגעצונדען אַ שוועבעלע, און דער פלאַם איז אויף די געשריבענע שורות אַרומגעלאָפען. ווען דער פלאַם האָט דזשעממאַ'ס פינגער דערגרייכט האָט ער דאָס בלאַט פון איהר צוגענומען און עס אין קוימען אַריינגעוואָרפען.

צוריקאַריינקומענד האָט ער נאָך אַ בלאַט גענומען. זי איז בלייך געוואָרען.

— וואָס טהוסט דו? — האָט זי ווידער אַמאָל געפרעגט. מיינסט דו דען צו פערניכטען, צו פערברענען אין פייער אַלע דיינע שריפטען, דיינע קאָסטבאַרע שעפּפונגען? דו וועסט נאָך שפּעטער איבער זיי אַרבייטען...

— שפּעטער, ווען?

זי האָט איהם נישט פערשטאַנען.

— פאַר אונז, דזשעממאַ, איז נישטאָ קיין „שפּעטער", מיר האָבען אַ „יעצט", יעצט האָבען מיר זיך ליעב, און שפּעטער, שפּעטער וועט קומען דער טויט.

אַ שוידער איז איהר דורך אַלע גליעדער אַדורך. זי האָט איהם איהרע הענד איבער זיין האַלז אַריבערגעוואָרפען, זיך פערשטעלענדיג מיט איהר דאָס געזיכט. ער האָט ווייטער גערעדט:

— קיין פאַנטאַזיעס האָב איך דאָך שוין מעהר נישט. אַלע מיינע פאַנטאַזיעס זענען הינטער די סלופּעס אויף יענעם מערקווירדיגען בילד פערשוואונדען געוואָרען. אָנשטאָט זיי האָב איך דיר בעקומען. דו פילסט מיר אויס אַלע מיינע פערשוואונדענע פאַנטאַזיעס, דו ביזט די בעלויהנונג פאַר מיין בענקשאַפט. דו האָסט מיר אין דיין ליעבען אַריינגעפיהרט...

— ווירקליך!

— זי האָט איהם געקושט נישט פערשטעהענדיג זיינע געדאַנקען...

„...די פראַכטפוללע ליכטיגע וועלט, וועלכע איז ווי מיט אַ פּאַרקאַן פון שטעכעדיגע דערנער אַרומגעצוימט, די וועלט אין וועלכער עס הערשט

טואַלדטדאַט און וואו מען גיט זיך ווי פערשכ׳ר׳ט אין גאַנצען איבער; וואו מען געניםט צוביבערהאַפּטע, נישט פערשטענדליכע פערגניגען; וואו מען לעבט דאָס לעבען אין גאַנצען אוים און מען שטאַרבט גליקליך.

„און מען שטאַרבט גליקליך, — האָט זי זיינע לעצטע ווערטער ווי־דערהאָלט און דערביי איהרע אויגען ווייט אויפגעריסען. אויסער די דאָזיגע לעצטע ווערטער האָט זי גאָרנישט געהערט, ווייל זיי זענען איבער זיינע ליפען אַריבער ערשט אין דער זעלבער צייט ווען זי האָט איהרע ליפען פון זיינע אַוועקגענומען.

— יאָ, אַזוי וועט עס זיין, איך פיהל עס, — האָט זי געזאָגט.

— לאַנגזאַם האָט זי גענומען דאָס בלאַט אויף וועלכע ער האָט אָנגעהויבען צו שרייבען און האָט עס אין קומען אַריינגעלעגט, און אַזוי כסדר אַריינגעלעגט אין פייער אַ בלאַט נאָך אַ בלאַט. לאַנגע, רויטע פייער־צונגען האָבען שלענגלענדיג זיך דאָרשטיג דאָס פּאַפּיער פערשלונגען, און פאַר׳ן אָבשיין פונ׳ם ברענענדיגען מאַנוסקריפּט האָט זיך געראָטעלט איהר צאַרט לייב, וועלכעס האָט זיך פון די שמאָלע העמד־קנייטשען אַרויס־געזעהן. אין דער זעלבער צייט, וואָס איהרע קליינע הענד האָבען אויף דעם פייער געוואָרפען: געדאַנקען, פאַנטאַזיעס, קוואַלפולע שטרעבען און רייסען זיך נאָך גרויסקייט, געוואָרפען און עס געלאָזט אויף אַש פערברענט ווערען, האָט אויף איהר געזיכט געלויכטען אַ צווידיימיגער שמייכעל: אַ זיסער און אַ שטרענגער.

מאַריאָ מאַילוואָילטאָ איז נעבען איהר מיט צונויפגעלעגטע הענד געשטאַנען. מיט ענטציקטער אויפרעגונג האָט ער צו זיך גופא גע־זאָגט:

— איך גלויב.

4.

דער סוף.

ער איז געזעסען אין אָבענד און געוואַרט אויף איהר. זי איז אויף אַ שעה אַהיים געגאַנגען זיך אַנ׳עצה צו האַלטען מיט איהר חבר׳טע, וועלכע זי האָט געשיקט אין שטאָדט אַריין איינצוקויפען עפּיס צו איהר טואַלעטע. דער זומער האָט שוין געהאַלטען ביי׳ם ענדיגען זיך, פון גאָרטען האָט אַ פרישׁ ווינטעל געבלאָזען. איינזאַם אין פערטרויערט געזיכט די טוידטע

צופרעסען פון וועלכע עס זענען שוין געווען אַראָבגעפאַלען די בלעטער. מאַילוואָילטאָ איז געלעגען, פערשטעלענדיג דעם פנים מיט די הענד, און מיט גרויס בענקשאַפט געוואַרט אויף דזשעממאַן.

פלוצלונג האָט ער דערפיהלט, אַז זי איז געקומען. עס האָט קיין איינציג פערדאַרט בלעטעל געשאָרכט, אַזוי שטיל און אומבעמערקט איז זי אָנגעקומען.

לאַנגזאַם איז זי צוגעקומען, — ביי יעדען טריט איהרען האָט ער שווער אָבגעאָטהעמט, זי האָט זיך צווישען זיין קניע אַוועקגעשטעלט, די הענד אַראָבגעלאָזט און זיך צו איהם נישט צוגעריהרט. ער האָט זיך אין איהר געזיכט איינגעקוקט און דערזעהן, אַז זי איז ווי מיט אַ וואָלקען בעצויגען. דאָס האָט איהם שטאַרק בעאונרוהיגט, איהם האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז דער טרויער פון איהר געזיכט וועט שוין קיינמאָל נישט פערשווינדען, אַז עביג, עביג וועט עס מיט אַ וואָלקען פערצויגען זיין. און איהרע צוויי גרויסע שוואַרצע אויגען, וואָס האָבען אויף איהם געקוקט, זיי געבלענדעט פון פינסטערניש, גליהענדיג פון בעהאַלטענעם פלאַם, האָבען איהם אויסגעוויזען ווי צוויי קראַטער, וואָס האָבען ברייט זיך אויפגעעפענט פאַר איהם. לאַנגזאַם האָבען זיי זיך איינער צום אַנדערען אַלץ מעהר און מעהר דערנעהנטערט, שוין גאַנץ נאָהנט צוגעקומען,ביידע קערפער זענען אין איינעם צוזאַמענגעגאָסען געוואָרען און ער האָט זיך איבער איהר מיט אַ שווינדעלדיגען קאָפּ אַריבערגעבויגען, זיך איבערגעבענדיג דעם טיעפסטען געטנס. דזשעממאַ'ס באַק האָט זיך צו זיין באַק צוגעריהרט און זי האָט שטיל געשעפטשעט:

— מיין ליעבער, מיר מוזען שטאַרבען.

אָנשטאָט צו פערענטפערען האָט ער נאָך שטאַרקער צוגעפרעסט זיין באַק צו איהר באַק. זי האָט איהם דערמיט קיין שום נייעס נישט געזאָגט. ער האָט געפיהלט ווי די דאָזיגע ווערטער איהרע האָבען זיך דערנעהנטערט אויף דער גאַנצער שטרעקע וועג וואָס איז צווישען איהם און איהר. ניין, די דאָזיגע ווערטער געהען, וויילער וועג צו איהם, נאָך פון אַ גאַנץ ווייטע שטרעקע, פון יענער ערשטער נאַכט, ווען זי האָט זיך איהם איבערגעגעבען. זיי האָבען ביידע שוין לאַנג געוואוסט, אַז נאָך זייער אומאַרמונג בלייבט פאַר זיי נאָר דער וועג צום טוידט איבעריג. שוין אין סאַמע אָנהויב פון זייער ליעבע איז דער טוידט שוין געווען אַריינגערעכענט. זיי האָבען זיך שטענדיג געזאָגט מיר ליעבען זיך אויף „עביג" און האָבען דערביי געוואוסט, אַז דאָס לענגסטע עביגקייט איז דער טוידט.

זי האָט איהם זײַנע אַקסעל אַרומגענומען און ער איהרע. זײ האָבען געפּיהלט, ווי עפּעס אַ פײַנליבער צויבער פּערוויגט זײ, צעשמעלצט און פערשלינגט זײ אין זיך, און אַזוי ווערען צעשמאָלצען אַרום זײ אלע פאָרמען און אַלע קאָלירען, וועלכע דער טאָג האָט אַלעמען געשאָנקען.

מאַילוואָילטאָ, גלײַך ווי ער וואָלט זיך עפּיס מיט גרויס מיה בעפרײַט פון אַ שווערע לאַסט, וואָס איז אויף איהם געלעגען, האָט אָבגעזיפצט און געפרעגט:

— אָבער פאַרוואָס? וואָס איז דען געשעהן?

דזשעממאַ האָט אָנגעהויבען שטײַכלען; אָבגעהענדיג אַ פּאָר טריט פון איהם האָט זי געזאָגט:

— אַך, גאָט מײַנער, מען האָט אונז פאָטאָגראַפירט.

— אונז...

— יאָ, אונז. אונזער פאָטאָגראַפּיע געהט אין שטאָדט פון האַנד אין האַנד. מען זאָגט, מיר זעגען זעהר גוט געטראָפען. איך שטעה אויף דער טעראַסע, און דו ליעגסט פאַר מײַנע פיס.

— דו... אַ נאַקעטע?

— און דו, מײַן אָרעמינקער, האָסט אויך נישט קײַן סך אויף זיך.

— דאָס איז שרעקליך! נײן, דאָס איז שרעקליך. איך האָב דאָך דאַכט זיך איבערצײַגט אויף זיכער, אַז פון ערגעץ קאָן מען נישט זעהן אונזער טעראַסע. הײַסט עס, אַז פון גאָרטען האָט מען אונז דאָס פאָטאָגראַפירט. דאָס האָט קײַן אַנדער נישט געקאָנט טהון ווי נאָר ניקאָלאָ, דער לאָקײַ מײַנער, אָדער דײַן חבר'טע. איך וועל באַלד...

ער האָט גענומען געהן צום טיר צו. דזשעממאַ האָט איהם פאַר'ן האַנד אָנגענומען און נישט געלאָזט.

— וואָס געהט עס אונז יעצט אָן ווער דאָס האָט געטהון. זאָל זיין ווער עס איז, נעמען מיר אָן עמיצער אַ דורכרייזענדער, ס'איז עפּיס אַני־אונטערשיעד? לאָמיר בעסער אונזערע געצעהלטע מינוטען וואָס מיר האָבען נאָך צו לעבען פערברענגען אין ליעבעס גענוס.

איהרע ווערטער האָבען איהם אין גאַנצען בערוהיגט און ער האָט זיך צוריק אויף זיין פריהעריגען אָרט אַוועקגעזעצט.

— דו ביזט גערעכט. נאָר ווי אַזוי האָסט דו זיך דאָס דערוואוסט?

— מיין הבר'טע האָט אונזערע פאָטאָגראַפיעס געזעהן אין אַ מאַגאַזין ביי צווי דאַמען, וועלכע קענען איהר נישט. מען פערקויפט עס אין געהיים; מען זאָגט עס איז דאָ דערויף אַ גרויסע נאָכפראַגע. דו פעהלסט שטעהסט דאָך מסתמא; איך בין דאָך קאַנטאָדזשי, נו און דו מאַריאָ מאַלוואָיליטאָ...

דער עהרגייץ האָט זיך אין איהם ערוואַכט. אָבער באַלד זייענדיג אויפגערייצט פון גרויס הרפה צוליעב דער דאָזיגער געשעהעניש, האָט ער זיך צו איהרע פיס געוואָרפען:

— און דו, דזשעממאַ, — אַלע דיינע ריינע אוצרות, וועלכע האָבען נאָר פאַר מיר אַליין געלויכטען, נאָר פאַר מיר אַליין, היינט ווייזט מען זיי אַלעמען, אין די האָטעלען, אין די קלובען, הינטער די קוליסען! יאָ, מיר מוזען שטאַרבען, מיר קאָנען די הרפה נישט אַריבערטראָגען!

— דאָס וואָלט איך נאָך געקאָנט אַריבערטראָגען, — האָט זי נאָך אַלץ שמייכלענדיג געזאָגט.

— איך האָב דיין עהרע פערפלעקט! מיר איז מען היינט מקנא אין שטאָדט, מען זאָגט אויף מיר, אַז איך בין גליקליך. צופיעל שמוץ ליגט שוין אין דעם.

ער האָט זיך מיט די פויסטען אין שטערען געהאַקט.

— מיר מוזען שטאַרבען.

— נישט דעריבער, — האָט זי זיך אָבגערופען זאַנפט. — דאָס אַלץ געהט מיר גאַנץ ווענינג אָן. שטאַרבען מוזען מיר אָבער נאָר דעריבער ווייל מיר וועלען זיך מוזען שיידען...

— מיר זיך שיידען?...

ער האָט זיך אויפגעשטעלט.

— דיין ברודער ווייסט שוין דערפון? ער איז שוין צוריקגעקומען.

— ווייסט ער עס נאָך נישט, וועט ער עס וויסען, דערווייל איז ער נאָך נישט צוריקגעקומען, ער קומט ערשט די קינפטיגע וואָך. ער קאָן אַלאַדע טאָג זיך אַלץ דערוויסען.

— מען וועט דאָס איהם נישט דערצעהלען.

— ווען ער וואָלט געווען אַמאַן, — האָט דזשעממאַ געזאָגט, און דער שמייכעל אויף איהר געזיכט איז שוין קוים צו מערקען געווען. מאַילוואָילטאָ האָט דעם קאָפּ אַראָבגעלאָזט.

— עס וועלען זיך שוין געפינען גוטע לייט, וואָס וועלען עס איהם דערצעהלען.

פּלוצלונג האָט ער זיך אויסגעלייכט.

— דאַן וועלען מיר געהן אויף אַדועל!

דזשעממאַ האָט נאָר מיט'ן קאָפּ געשאָקעלט.

— דו מיינסט ער וועט מיך דער'הרג'ענען? אָ, ניין. מיט פיער השיה צוריק קאָן זיין אַז יאָ. היינט אָבער, נישט, היינט בין איך גוט איינגעאיבט מיט'ן שווערד.

דערויף האָט זי זיך אָבגערופען:

— וועכט דו, הייסט עס, איהם דער'הרג'ענען, — וועלען זיך אויפהויבען אַלע מיינע קרובים און וועלען אונז צעשיידען. איך בין דאָך אין גאַנצען נישט מעהר ווי זיעבצעהן יאָהר אַלט.

און אַזוי ווי ער האָט גאָרנישט געענטפערט, האָט זי ווייטער גערעדט:

— ועדסט דו, דאַמאָלס וועלען מיר סיי ווי סיי מוזען שטאַרבען. פאַרוואָס ווילסט דו דוקא פריהער דער'הרג'ענען מיין אָרימען ברודער. בעסער מיר זאָלען באַלד שטאַרבען.

מאַילוואָילטאָ האָט זיך געשווינד אַרומגעקוקט: ניין, קיין אַנדער אויסוועג איז נישטאָ. דזשעממאַ, אָט דער דאָזיגער דינער צעפלאָסענער אָבשיין — דאָרטען, פאַר איהם, מיט אַגעזיכט וואָס צאַנקט שטיל אין מיטען דער נאַכט, מיט אויגען, נאָך טיעפערע פאַר די נאַכט, דזשעממאַ איז פּלוצלונג געוואָרען אַקליינע, ווייסע יהודית און אַרום איינעם פון איהרע צאַרטע, עדעלע פינגער האָט זיך אַלאָק־האָר געוויקעלט אויף וועלכען עס איז אַקאָפּ געהאָנגען — זיין אייגענע קאָפּ.

אָבער זי איז דאָך מיט איהם צוזאַמען געשטאָרבען. ער האָט איהר בעליידיגט, איהר די דאָזיגע שטאַרקע, ליידענדע נשמה, וועלכע איז אַזוי רוהיג, קלאָר, דייטליך און איינפאַך דעם טוידט אַנטקעגען געגאַנגען, אין דער צייט וואָס ער, איהר געליעבטער, צוליעב וועלכען זי איז צום

טוידט געגאַנגען, האָט נאָך געזוכט אַנ׳אויסװעג. ער האָט איהר צו׳ם ברוסט צוגעצויגען.

— דזשעממאַ, די איינציגע צווישען די פערליעבטע פרויען! ווי קאָנסט דו אַזוי שטאַרק, אַזוי רוהיג זיין. איך בין דאָס דער מערדער, וועלכער דערהרג׳עט דיך! צי איז דאָס מעגליך אַז דו האָסט מיר נישט פיינט דערפאַר.

— דיר פיינד האָבען? — האָט זי, דאָס ערשטע מאָל וועדענדיג אויפגערעגט, געשריען. — מיר דאַכט זיך, אַז נאָר ערשט ליעב איך דיר מיט דער העכסטער און ריינסטער ליעבע, ווען איך בין אַריינגעקומען אין טהיר און דו ביזט אַזוי אין דער פינסטער געזעסען, — איך האָב מיר צווישען דיינע קניע געשטעלט און מיר האָבען געקוקט איינער אויף דעם אַנדערן, יאָ, געקוקט איינער אויף דעם אַנדערען. האָסט דו שוין ווען אַזוי געקוקט אויף מיר? — איך אויף דיר — קיינמאָל נישט. איך האָב געמיינט אַז גליקליכער ווי איך בין קאָן איך שוין גאָרנישט זיין. יעצט אָבער איז אָנגעקומען אַזוינס וואָס מאַכט מיר נאָך פיעל, פיעל גליקליכער... לאָמיר דאָס גאַנצע גליק געניעסען, — האָט זי געשעפּטשעט פערמאַכענדיג די אויגען.

ער האָט איהר אַהאַפּ געטהון פון דער פּאָדלאָגע מיט אַזאַ ווילדקייט, ווי דאַמאָלס אין דער ערשטער נאַכט פון זייער בעקאַנטשאַפט. יאָ, זי מיט איהר געפּיהלפּולעס האַרץ האָט איהם בעצויבערט, האָט איהם פערשאַפט אַ פראַכטפולע ליכטיגע וועלט, וואו ער האָט גענאָסען דאָס העכסטע גליק.

ווי פערשפּעט פון גרויס ליידענשאַפט און טוידט שרעק האָט ער איהר אין זיין שלאָפצימער אַריינגעבראַכט.

ווען זיי האָבען זיך צוריקגעקעהרט. איז שוין די לבנה געראַט אויפגעגאַנגען. ענג געאַרעמט, צוריקקעהרענדיג זייערע באַקען איינער צו׳ם אַנדערען זענען זיי ביידע מידערהייט געגאַנגען. אַריינקומענדיג אינ׳ם העלען, ברייטען ליכטשטראַהל וואָס האָט דאָס צימער דורכגעשניטען האָט זיי אַ שוידער אַלע גליעדער דורכגענומען, זיי האָט זיך אָבגעדאַכט, אַז דער תהום האָט זיין מויל ברייט אויפגעריסען און אָט אָט פערשלינגט ער זיי ביידען מיט אַלע זייערע האָפנונגען, שטרעבונגען פאַנטאַזיעס און ליידענשאַפטען. דזשעממאַ איז צו׳ם טהיר צוגעגאַנגען, האָט איהר האַנד אויף דעם ביישטיעל אַרויפגעלעגט און זיך דערמיט דעם שטערען פערשטעלט. זי האָט געהערט ווי מאַילוואָלטאָ געהט אויף דעם דיוואַן אַרום. ער האָט זיך אומגעקוקט אָ, ווי האָט זיך דאָס צימער פערביטען! עס האָט שוין

נישט מעהר געדינט אַלס עדות אין זייערע ליעבע; ניין, עס וועט באַלד זיין אַ נ'עדות פון זייער טוידט! דער ברייטער דיוואַן האָט שוין מעהר נישט געקלאַפּט צו וואַרפען זיך צו אייניגער אין דעם אַנדערענס אָרעמס; יעצט איז עס געוועזען עהנליך צו אַן אָפּעראַציאָנס-טיש.

פלוצלונג האָט זיך דזשעממאַ אומגעדרעהט און געזאָגט:

— אַלזאָ טהו עס.

ער איז בלאַס געוואָרען ווי קאַלך.

— איך מוז... איך מוז דיר...?

— מוז דוקא איך דאָס טהון?

זיי האָבען זיך ביידע גלייך אין די אויגען געקוקט און האָב דער-זעהן אַז עס האָט זיך דאָרט אַ שנאה אויפגעפלאַקערט.

אָבער באַלד אין דער צווייטער מינוט איז די שנאה אויסגעלאָשען געוואָרען און האָבען זיך אייניגער אויף דעם אַנדערנס ברוסט געוואָרפען. יעדער האָט געפּיהלט דעם אַנדערענס טרעהרען אויף זיינע באַקען.

— מיר האָבען יעצט ביידע איין לעבען, אונזערע ביידענס נשמות האָבען זיך אין איינע צוזאַמענגעגאָסען!

— דיין בלוט פליסט אין מיר, — האָט דזשעממאַ געזאָגט. — נאָר דיינע!

— און דאָך מוזען מיר זיך דער'הרג'ענען איינער דעם אַנדערן, דו — מיך, איך — דיך.

— אַה, ווי אונגליקליך מיר זענען!

אַ לאַנגע צייט זענען זיי געשטאַנען ווי פערשטיינערט, זיך נישט רידהרענדיג פון אָרט. ענדליך דזשעממאַ אויסגעבראָכען אין אַ שלוכצען.

— דו וועסט שוין מעהר קיינמאָל נישט זיין מיינע... קיינמאָל נישט מעהר.

— איך וועל שוין קיינמאָל נישט מעהר קושען דיינע לענדען, — האָט מאַריאָ געזאָגט — און האָט זיינע ליפּען צו איהרע פיס צוגעקלעפּט. איך וועל שוין מעהר מיין געזיכט אין דיינע האָר נישט פערוויקלען, קיינמאָל נישט אַרומנעמען דיינע קניע...

ער האָט זיך צו איהר צוגעפּרעסט מיט פיינליכער ליידענשאַפט. ווידער אַמאָל האָט ער איהר אין איהרע ראָזיגע עדעלע אויערגליך אַריינ-געשעפּטשעט פון זיינע הייסע פערלאַנגען, איהר פּאָרוואַרפענדיג, אַז זי פערלאָזט איהם, אַז זי וועט שוין מעהר איהם נישט פערשאַפען דאָס העכסטע גענוס.

ענדליך האָט זי זיך פון איהם בעפרייט און מיט איהרע לייכטע טריט איז זי צו'ם דיוואַן צוגעגאַנגען; זיך אָנשפּאַרענדיג אויף איהם האָט זי צו איהם געשמייכעלט:

— איך בין פאַרטיג.

ער האָט די האַנד צו'ם שטערן צוגעטראָגען, איינינע מאָל איהם נערוועזיש געריבען, דערנאָך געשווינד צו'ם שרייב-טיש זיינעם צוגעגאַנגען. זי האָט זיך אומגעקעהרט און דערהערט ווי עמעס אַמעטאַל האָט אַ קלונג געטהון. ער איז צו איהר צוגעגאַנגען האַלטענדיג איין האַנד הינטער דעם רוקען.

— דיין מערדער קומט שוין נעהנטער, — האָט ער געשטאַמעלט. ער גנב'ט זיך צו דיר אונטער.

ער איז מיט'ן געזיכט איהר צו די קניע צוגעפאַלען.

— אָבער איך קאָן דאָך נישט! דו ביזט שטאַרקער, דושעממאַ...

און רעדענדיג האָט ער איהר דאָס געוועהר דערלאַנגט.

— דו ליעבסט מיך נישט אַזוי שטאַרק ווי איך ליעב דיך, איך ליעב דיך אַזש די הענד ציטערען מיר פאַר גרויס ליעבעס-אויפרעגונג.

— איך ליעב דיך אַזוי, — האָט זי געזאָגט און ווידער אַמאָל זיין קאָפּ אין איהרע אָרעמס בעהאַלטען, — אַזוי, אַז ס'איז פאַר מיר קיין גרעסערעס גליק נישטאָ ווי צו שטאַרבען דורך דיר! בעדענק זי נאַר, בלויז דער טוידט גיט מיך דיר אין גאַנצען איבער. דער טוידט מאַכט אונז פאַר אונצושיידבאַר. דו זאָלסט מיך קושען אין אויגענבליק וואָס דו וועסט מיך ערמאָרדען.

ער האָט זיך אָבער פון איהרע אָרעמס אַרויסגעריסען.

— דו מוזט לעבען! — האָט ער אויסגעשריען. — וואָס אַרט עס דיר מיט מיין גורל! איך — איך בין מיט איהם צופריעדען און דאַנק דיר דערפאַר!

זי איז אין זיינע אָרעמס אַריינגעפאַלען און בלייך געוואָרען ווי אַ מת.

— וואָס האָסט דו געוואָלט טהון? דו האָסט מיר געוואָלט איבער-לאָזען אַליין? דו קאָנסט דאָס טהון?

זי האָט זיך ביטער פונאַנדערגעוויינט.

— דיין הערסט איז צעריסען, דאָס העמד אויך, גאָט מיינער, בלוט רינט פון דיר!

— דאָס איז בלויז אַ דראַפּע, — האָט ער געשטאַמעלט. — עס וועט נאָך אַנדערש ווערען.

— זײַ גוטהערציג, — האָט זי געשעפּטשעט, איהם צום בעט צו־ציהענדיג און גלײַך ווי זי וואָלט געבעטען ער זאָל איהר אומאַרמען.

— דאָס גאַנצע שענהײַט מײַנע האָב איך נאָר פון דיר געהאַט, יעדע פרײדע, יעדע לוסט. ווײסט דו וועגען וואָס איך האָב פאַנטאַזירט נאָך זײַענדיג אַ קינד אין סאַן דזשימיניאַנאָ? וועגען דיר, אָ, מײַן ליעבער.

פאַנטאַזירענדיג האָט זי דעם קאָפּ אַהינטער געוואָרפען, מיט אַ בלאָנ־דזשענדיגען שמײכעל פון לײַדענשאַפט און גליק, האָט זי דעם קינזשאַל, נאָך וועלכען זײַן האַנד האָט זיך נאָכגעשלעפּט, צו זיך אויסגעדרעהט, ער זאָל עס איהר אַרײַנשטעכען: און אויך די דאָזיגע סאַמע נישט שרעק־ליכע בעוועגונג איהרע איז געווען פול מיט פּראַכט און ליעבליכקײַט ווי איהרע סאַמע שעסטע לאַסקעס.

דאַמאָלס האָט ער, פערקוועטשענדיג די אויגען, שוידערענדיג אין גאַנצען פאַר שרעק, איהר דעם קינזשאַל אַרײַנגעשטאָכען, נישט וועלענדיג עס און נאָך אײדער זי האָט זיך דערויף גערעכענט. זי האָט אַ שרעקליך געשרײַ געטהון.

עפענדיג די אויגען, האָט ער נישט געקאָנט פערשטעהן, וואָס דאָ איז פאָרגעקומען. וואו איז זי געבליבען? ער האָט געזוכט איהר קאָפּ. ער איז אַראָבגעהאָנגען איבער'ן ראַנד פון בעט. ער האָט איהם אויפ'ן קישען אַרויפגעהויבען. נאָר אַ שטיקעל ווײַסע פלײש האָט זיך איהם גע־וואַלגערט אויפ'ן בויך. וואָס איז דאָס אַזעלכעס? דער געלענק פון פינגער. ער איז אויפגעשפרונגען שוידערענדיג פאַר שרעק. דאָס שטיק שטאָל איז מיט אַ גערויש אַראָבגעפאַלען.

— וואָס האָב איך געטהון? איך האָב עס געטהון? איך? אָט ליעגט די דאָזיגע פרוי, און בלוט איז דאָ אויף איהרע ליפּען. זי קאָרטשעט זיך, זי גוססט. פאַרוואָס? גאָט מײַנער, איהר ברוסט עפענט זיך! דזשעממאַ!

מיט אַ ווילדען געשרײַ האָט ער זיך איבער איהר אַריבערגעבויגען. זי האָט אויף איהם געקוקט מיט איהרע אויסלעשענדיגע אויגען, אין וועלכע עס האָט זיך אַ פראַגע אויסגעדריקט.

פּלוצלונג האָט ער פערשטאַנען. זי האָט געפאָדערט, ער זאָל יעצט דעם קינזשאַל אין זײַן אײגענער ברוסט אַרײַנשטעקען!

ער איז אויפגעשטאַנען, אַ קעלט האָט איהם דורך אַלע בײנער דורכ־

גֶעשׁוּידֶערט, האָט קוים די פּנים גֶעשׁלֶעפּט. אַ גאַנצֶער תּהוֹם האָט זיך יֶעצט פּלוּצלוּנג אוֹיפגֶערִיסֶען צווִישֶׁען אִיהם אוּן אִיהר. דֶער גאַנצֶער אָבגרוּנד, וואָס שׁיידֶעט אָב דֶעם לֶעבֶּעדִיגֶען, פאַר וועֶמֶען די גאַנצֶע וועֶלט אִיז אָפֶען, פוּן דֶעם טוֹידטֶען, פאַר וועֶלכֶען נאָר דֶער וועֶג צוּ קֶבֶר אִיז אָפֶען, דֶער גאַנצֶער דאָזִיגֶער אָבגרוּנד האָט יֶעצט אוֹיף אִיהם גֶעקוּקט. „וואָס גֶעהט מִיר אָן דֶער גוֹרל פוּן דֶער שׁטאַרבֶּענדִיגֶער דאָ״! טרוֹיעֶרִיג האָט עֶר זִיך דֶערמאָנט, אַז מִיט אייניגֶע מִינוּטֶען פאָרדֶעם האָט עֶר אִיהר גֶעזאָגט: „וואָס גֶעהט דיר אָן מיין גוֹרל״. דאַמאָלס האָט עֶר אִיהר גֶעוואָלט ראַטעֶווען אוּן זִיך אַליין דאָס לֶעבֶּען נֶעמֶען, אוּן יֶעצט לִיעגט זי...

עֶר האָט זיך צוּם קִינזשאַל אוֹיסגֶעדרעֶהט. אִיהרֶע אוֹיגֶען אוֹיף אִיהר גוֹסס׳דִיג פּנים האָבֶּען זיך נאָך אִיהם נאָכגֶעדרעֶהט.

— ניין! ווען עֶר זאָל שׁוֹין דאָס יֶעצט אַפִילוּ טהוּן, וואָלט עֶר אַלץ איינס שׁוֹין נִישׁט מעֶהר מִיט אִיהר צוזאַמֶען גֶעשׁטאָרבֶּען. דאָס וואָלט גֶעוועֶן זעֶהר נִישׁט קיין גלייכצייטִיגֶער טוֹידט. אִיהר טוֹידט אִיז עֶפּיס אַזאַ איינפאַכֶער, אַזאַ לייכטֶער גֶעוועֶן. זי אִיז גֶעשׁטאָרבֶּען ווי אַ קליין קִינד. וואָס האָט זי גֶעוואוּסט? אִין וואָס האָט זי גֶעצוויי פֶעלט. וועֶלכֶע פֶערצוויי פלוּנגֶען האָבֶּען אִיהר צוּם לֶעבֶּען צוּגֶעשׁמִידט? זי אִיז אוֹיף דֶער וועֶלט אַראָבגֶעקוּמֶען, בלוֹיז זיינֶע ליידֶענשׁאַפטֶען צוּ בֶּעפרִיעדִיגֶען. אִיהר גאַנצֶע פֶערגאַנגֶענהייט, אִיהר קוּרץ לֶעבֶּען, גלייך ווי אַ קוּרצֶע, גלייכֶע אַלעֶע, וואָס פִיהרט צוּ אִיהם, צוּ אִיהם אוּן צוּ יֶענֶער לְבָנה נאַכט, ווען זי האָט זיך אִין זיינֶע אָרעֶמס גֶעוואָרפֶען. צווִישֶׁען יֶענֶער לְבָנה׳דִיגֶער נאַכט אוּן דֶער היינטִיגֶער, ווען זי לִיעגט אוּן שׁטאַרבּט, האָט זי גאָרנִישׁט אִיבֶּערגֶעלאָזט הִינטעֶר זיך, זי האָט נִישׁט גֶעהאַט וואָס צוּ בֶּעדוֹיעֶרעֶן.

אָבֶּער עֶר — אָ, עֶר! עֶרשׁט אִין דֶער יֶעצטִיגֶער מִינוּט האָט עֶר זיך אַרוֹיסגֶעריסֶען פוּן דֶעם ווילדֶען, פֶערוואַקסֶענֶעם גאָרטֶען אוּן ווִיעדֶער דֶער־זעֶהן פאַר זיך די ברייטֶע, וויטֶע וועֶלט. ווִיפִיעל גֶענוּס בּלייבּט נאָך פאַר אִיהם אִיבֶּער — אִין ליידֶענשׁאַפטֶען, אִין ליידֶען אִין שׁטרֶעבֶּען! מִיט וועֶלכֶע אוּנעֶרקלֶערלִיכֶע גלִיקלִיכקייט האָט די וועֶלט אִיהם עֶנטקעֶגֶען גֶע־שׁטעֶלט גֶעשׁטראַהלטֶע פרוֹיעֶן, פאַנטאַזיעֶס, עֶדרֶע אוּן לוֹיב! עֶר האָט גֶעפִיהלט ווי עֶפּיס נייעֶ וואוּנדֶער ווערֶען אִין אִיהם גֶעבּאָרֶען. די שׁעֶפּפוּנג אִיז גלייך ווי אַ יוּנגֶער וואַלד דאַמאָלס אִין זיין נשמה אוֹיפגֶעוואַקסֶען, דאַמאָלס ווען ד ז ש עֶ מ מ אַ, אַ קליינֶע, אַ נאַקעֶטֶע, האָט זיך אַרוּם אִיהם גֶעדרעֶהט, — יֶעצט דאַרף מען זיך דוּרך דֶעם דאָזִיגֶען יוּנגֶען וואַלד דוּרכ־בּרעֶכֶען אוּן צוּ זיין קוּנסט דֶערגריינכֶען! זי האָט אִיהר אוֹיפגאַבֶּע שׁוֹין

גענענדיגט, זי, די גרויסאַרטיגע געליבטע — וועלכע שטאַרבען יעצט אָבּ. אָ, וואָס וועט ער יעצט פון איהר מאַכען! און פון איהר טוידט!

צו וואָס ושע איז זי געשטאָרבען, ווען ער זאָל פון איהר גאָרנישט בעשאַפען.

איהר בליק אָבער, אויסגעדרעהט די גאַנצע צייט מיט די ווייסלעך איז צוגעשמידט געוועזען צו איהם מיט איהרע שמאָלע האַלברונדע שוואַרצלעך.

— וואָס טראַכט איך, וואָס טהו איך. איך פערליער די אורטיילסקראַפט. ווי קאָן איך גאָר קוקען אַזוי נישט טיילנעמענדיג אין איהר שרעקליכען ליידען!

ער האָט זיך אומגעדרעהט און אויסער זיך פאַר שרעק האָט ער דעם גלאָק אַקוועטש געטהון. ער האָט זיך צום טהיר געאיילט. די שטאַרבענדיגע האָט זיך געוואָרפען, די לעצטע אָטהעמס אויסהויכענדיג; פּלוצלונג האָט זי אַ הילכיגען געשריי געטהון:

— מערדער! דו מערדער!

ער האָט זי אַ וואָרף געטהון און אין גאַנץ בלאַס אַזוי ווי זי, מיט ווייט אויפגעריסענע אויגען ווי ביי איהר האָט ער זי אָנגעקוקט. זייערע ביידענס בליקען האָבען זיך בעגעגענט.

פון דרויסען האָבען זיך טריט געהערט. דער אַלטער ניקקאָלאָ איז אויפ'ן שוועל אַרויסגעטרעטען, אָבער באַלד איז ער מיט אַ ווילדע געשריי צוריקגעשפּרונגען. די טהיר איז געבליבען אָפען, און שטוב איז געוואָרען אַ געוואַלד.

מאַריאָ מאַילוואָילטאָ האָט נאָך אַלץ שטאַר געקוקט אין זיין געליבטעס אויגען, וועלכע זענען אַלץ מעהר אויסגעלאָשען געוואָרען.

— מערדער, — האָבען זיינע בלאַסע ליפּען געשטאַמעלט. דו האָסט רעכט. איך האָב זיך צו דיר אונטערגעגנבֿ'עט, און דיין לעבען זיך אַריינגעגנבֿ'עט, אין דאָס שטאַרקע לעבען, איך האָב געוואָלט לעבען אַ גאַנץ לעבען; ליבען אָהן איבערלעגונגען, ווערען סוף כל סוף אַ מענש. און שטאַרבען האָב איך געוואָלט, ווי די שטאַרקע שטאַרבען, — מיט איינמאָל. זיי מיר מוחל, דאָס איז געוועזען אַ טעות. איך האָב דיך נישט אָבגענאַרט. איך האָב נעגלויבט. נאָר ווי עס איז געקומען צו אַנ'ענטשלאָסענעם טריט, האָב איך דערזעהן, אַז דאָס איז בלויז אַ קאָמעדיע געווען. דאָס איז געוועזען אַ קאָמעדיע גלייך מיט אַלע אַנדערע. זיי מיר מוחל, טייערע קליינטשיקע מיידעלע. דאָס איז נישט קיין איינפאַכע שוואַכקייט — דאָס איז נאָר בלויז

דערבּער ווײַל אין אַ קאָמעדיע קומט קיינמאָל נישט פאָר, עמיצער זאָל זיך דאָס לעבּען נעמען.

ער האָט דאָס געווער פון דער פּאָדלאָגע אויפגעהויבּען.

— און דאָך וועל איך עס טהון! זעה, נאַר, איך טהו עס!

ער האָט דאָס העמד צעריסען און האָט איהר געוויזען דעם שאַרפען קינזשאַל אויף זיין ברוסט.

— דו זעהסט? דו בּיזט מיר מודה? איך טהו עס ווײַל דו קוקסט, נאַר דיר צוליעב.

ער האָט אָבּער בּעמערקט, אַז איהרע אויגען זענען שוין פערגלעזערט געוואָרען.

— דו בּיזט טויט? וואָס איז דאָס אַזוינס? מיר האָבּען בּעדאַרפט בּיידע צוזאַמען שטאַרבּען, דו האָסט מיך אָבּער אַוועקגעוואָרפען? אין דער דאָזיגער מינוט ווען איך בּין גרייט, ווען איך וויל דיר אַלץ, אַלץ צום קרבּן בּרענגען, נישט נאַר דאָס לעבּען אַליין, ווי דו האָסט מיר געבּראַכט, נאַר נאָך אַנדערע הונדערטע נאָך נישט בּעשאַפענע לעבּענס, וועלכע זענען אין מיר פערבּאָרגען, — אין דער דאָזיגער מינוט בּיזט דו פערשוואונדען געוואָרען? אויף עבּיג פון מיר אַוועק, אַוועק?

ער האָט געשטאַמעלט אונפערשטענדליכע ווערטער.

— דאַמאָלס... וואָס זאָל איך טהון? וואָס בּלייבּט מיר צו טהון? איך ווייס שוין מעהר גאָרנישט.

ער האָט אויפגעהויבּען די הענד, זיי צוריק אַראָבּגעלאָזט. זיין ווילד בּלאָנדזשענדיגער בּליק איז אויף פּיפּאָ ספּאַנאָ׳ס פּאָרטרעט געפאַלען.

— דו, וואָס וואָלסט דו יעצט געטהון? האָסט דו ווען שוין איבּער־געלעבּט אַזאַ מפּלה? דו בּיזט מיט דעם שטאַרק געווען וואָס דו האָסט מיר מוטה איינגעגעבּען. דו בּיזט מיין געוויסען געווען. דו בּיזט שולדיג! וואָס האָבּ איך יעצט אָן צו טהון?

פּיפּאָ ספּאַנאָ האָט געשמייכעלט. זיין שלעכט אָנזאָגענדיגער לבנה׳דיגער שמייכעל, זיין שמייכעל פון צופיעל שטרענגער גלויבּען אין זיך זעלבּסט האָט זיך אין אַ שרעק פערוואַנדעלט, וועלכער האָט מאַריאָ מאַילוואָילטאָן ווי צוגעשמידט. מיט זיין גאַנצער נשמה האָט ער איהם געפרעגט, צוזאַמענלעגענדיג די הענד ווי צו אַ תּפלה, זיך שלעפּענדיג איבּער דער פּאָדלאָגע, פערליערענדיג דעם אָטהעם, דאָ אין אַ פּלוצלונגדיגע היץ, דאָ אין אַ קאַלטען שווייס, — ניעדערגעשלאָגען, פערצווייפעלט, פערליערענדיג זיין קאָמעדיאַנטען ראָלע.

ענדע.

פּולוויא.

פוּלוויע.

ס'איז שפּעט געווען. ראַמינגאַ האָט מיט איהר פּעטער פּערוּ־בּערטער האַנד איבּערגעלעגט אַ פּאָר דינע העלצלעך אין קאַמין. דזשאָקאָנדאַ האָט פּערענדיגט איהר נאַאיווע פּלוידערײַ בּײַ די פיס פון דער מאַרקיזין גרימי, וואָס האָט געהאַלטען אין איין געגעצען. די מאַרקיזין קוואַטראָקי האָט פערזשמורעט די אויגען, קוקענדיג אין פײַער אַרײַן. קײנער האָט מעהר נישט גערעדט; פון דער נאַכט־טיעפעניש אַרויס האָט זיך איבּער די דעכער געטראָגען אַנ'אומרוהיגע שטים פון אַ גלעקעל. פלוצלונג האָט די אַלטע פוּלוויע געזאָגט:

— איהר, יונגוואַרג, טענה'ט שטענדיג אַזוי, גלײַך ווי דאָס גאַנצע לעבען בּעשטעהט בּלויז פון ליבּע־אינטריגעס. איך קען אײַך אָבּער אָנווײַזען פרויען, וואָס האָבּען זײַ צײַטענווײַז פעראַכטעט. ווײַל זײַער האַרץ האָט געשלאָגען מיט בּעגײַסטערונג פאַר עטוואָס וויכטיגערס.

— אָ, — האָט געזאָגט די מאַרקיזין גרימי. זי האָט געלעבט בע-
זונדער פֿון איהר מאַן און האָט געלעבט בלויז פֿון דער פּער'עקשנ'טקײַט
מיט װעלכער זי האָט זיך אָבגעזאָגט פֿון אַלע פֿערגניגענס.

די מאַרקיזין קװאַטראָקי איז געװען אײַנגעטונקט אין אינטריגעס.
זי האָט זיך פֿערװאונדערט.

— צו עטװאָס װיכטיגערס?

ראַמינגאַ און דזשאָקאָנדאַ האָבען מיט אַ זױערן שמײַכעל געזאָגט:

— דער מאַמאַ איז גרינג צו רעדען, אַז זי האָט געהאַט דעם פּאַפּאַ.
אַזוי װאָלטען מיר אפשר אויך זיך נישט אינטערעסירט מיט ליבע-
אינטריגעס.

— אײנער פֿון די, װאָס האָבען דאָס לאַנד בעפרײַט! — האָט די
מאַרקיזין גרימי ערקלערט. דאָס זענען נאָך ריטער געװעזען, צװישען
װעלכע ס'איז כדאי געװען צו לעבען.

זי האָט אָבגעזיפצט. די מאַרקיזין קװאַטראָקי האָט אויסגערופען:

— ליבע און פֿרײַהײַט.

— די פֿרײַהײַט איז געגאַנגען פֿאַר אונז, — האָט פּולװיע געזאָגט.

— אַ נישט, װאָלטען מיר דען דאָ איצטער געזעסען?

און זי האָט זיך גענומען צוהערען. פֿון דער זײַט פֿון רוים האָט
מען גאָרנישט געהערט, אויסער דעם אײנזאַמען גלעקעל.

— אַנישט, װאָלטען מיר דען פֿערלאָזען פֿעררעראַ, אונזער שטאָדט,
װאָלטען מיר דען פֿערלאָזען אונזער פֿאַמיליע, מײַן מאַן און איך? װאָלטען
מיר דען אַרויסגעטראָטען געגען די דײַטשען? װאָלטען מיר דען אָבגעגע-
בען דעם לאַנד אונזער פֿערמעגען? װאָלט דען קלאַװדיוס אָבגעגעבען
אויך זײַן געזונד און אַ האַנד, און איך מײַן װאויל-לעבען? אָ, אַ סך האָבען
אויסגענוצט די קרבנות, װאָס זײַ האָבען דעם לאַנד געבראַכט, און
זעהר פֿיעל דערמיט געװאונען; מיר אָבער נישט. קלאַװדיוס האָט גע-
װאָלט בלײַבען אַלס אײנפֿאַכער סאָלדאַט; ער, דער אַדװאָקאַט. אַלע
ראַנגען האָט ער דערגרײַכט אויף די שלאַכט-פֿעלדער, און אונזער אומ-
גליקליכער פֿאָלקאָװניק קאַלװי, װעלכען די דײַטשען האָבען אויפֿגע-
האָנגען בײַ מאַנטואַ, איז געװען דער, װאָס האָט געמאַכט מײַן מאַן
פֿאַר אַ קאַפּיטאַן אין װענעדיג אויף דעם פּלאַץ פֿון דעם הײליגען מאַרק.

װאָס צרות, װאָס פּורעניות, װאָס בלוט מיר האָבען געהאַט אויס-
צושטעהן פֿון דעם 48-סטען יאָהר ביז דעם 70-סטען. אַלס רעגירונגס בע-
אַמטע האָט מען אונז אװעקגעשיקט אין די אַלפּען-דערפֿער און מיר זענען

דאָרט אויסגעגאַנגען צווישען די אַייזבּערגער. מיר האָבּען געדאַפּט אייג־שטעלען רוּהה אוּן אָרדנוּנג אין טשעזען אוּן פּאָרלי, אָט אין די דאָזיגע שטעדט, וואָס זענען ווילד געוואָרען אוּנטער דער ממשלה פוּן די גלחים. אַז קלאַוודיוּס פלעגט אין אָבענד אַוועקגעהן, פלעג איך ציטערן פאַר שרעק אויף מיין געלעגער, ווייל יעדען פריה־מאָרגען האָט מען געפוּנען טויטע קערפּער פאַר די שוועלען פוּן די הייזער. דערנאָך זענען מיר געוועזען געהילפען ביים פּרעפעקט אין קאָמאַקיאָ, וואו ס'איז אין די זומפען נאָר־נישט געווען: ווי־ער שלאַנגען אוּן שלאַנגען־פאַנגער; דערנאָך — אין פּעזאַראָ, וואו די דאַמען פוּן דער אַריסטאָקראַטישסטער געזעלשאַפט זענען בּעשטאַנען אויף העלפט פוּן געוועזענע שטוּב־מיידלעך, אויף העלפט פוּן בּאַלעט־טענצערינס, אוּן זיי זענען אַלע געגאַנגען אין הילצערנע שיך... ענדליך, זענען מיר אמת טאַקי, אָנגעקוּמען פאַר פּרעפעקטען אין פּאַרמאַ. מיר האָבּען געוואוֹהנט אין דעם פּאַלאַץ פוּן מאַריאַ לוּאיזאַ, מיר פלעגען נעבּען בּעלער, אוּן אין יעדען טעאַטר האָבּען מיר געהאַט אַ לאָזשע. אוּנז איז זעהר קאַלט געוועזען אין די געראוּמע זאַלען מיט'ן בּעגילדטע סופיט. נאָר איך, פּוּלוויע גאַלאַנטי, האָבּ געטאַנצט מיט'ן קעניג וויקטאָר עמנוּאֵל!

אַלע פיער פרויען האָבּען שווייגענדיג זי אָנגעקוּקט; זיי האָבּען אין פּוּלוויען דערזעהן אַן'אָבּגלאַנץ פוּן איהר אַמאָליגער פּראַכט. זי איז געזעסען אין אַנדערן עק פוּן דעם פּערשטויבּטען זאַל, וויים פוּן פייער, וועלכעס זי האָט אַזוי פיינט געהאַט, אוּן איבּער וועלכען זי פלעגט שפּעט אין דער נאַכט, ווען אַלע פלעגען שוין שלאָפען, האַלטען בּגנבה איהרע צוזאַמענגעבּויגענע הענד. גאַנץ אַליין איז זי געזעסען בּיים לאַנגען טיש, אַ דאַרע, אַ גלייכע, ווי אַ סטאַטוּע, בּעהאָנגען מיט גאָלדענע קייטעלעך אוּן נרייז־גרויע לאָקען איבּערן גאַנצען ווייסען געזיכט.

— נאָר אַז זיי האָבּען איבּערגעפיהרט קלאַוודיוּס'ן אויף פּענסיע, וואָס איז אוּנז דאַן געבּליבּען? ער האָט געוואָלט שטאַרבּען אין רוים אוּן איז געשטאָרבּען אין רוים. אוּן איך וועל אויך דאָ שטאַרבּען; דאָס איז גאָר, וואָס די פרייהייט פוּן לאַנד האָט אוּנז בּיידען געגעבּען. אוּן דאָס איז גענוּג.

— דוּ האָסט אויך ליבּע געהאַט, — האָט פּער'עקשנ'ט ראַמינגאַ געזאָגט, אוּן האָט געלאָזען איהר הינטעל צוּ לעקען איהר פּנים.

— ווען איך וואָלט קענען חתוּנה האָבּען מיט לינאָ! — האָט אַ זאָג געטהוּן דזשאָקאָנדאַ. מיר זענען אָבּער צוּ אָרעם, מיר זענען קרבּנות דער פרייהייט פוּן לאַנד; מיר זענען אָבּער דערפאַר נישט בּעלוינט גע־

װאָרען, אַזױ װי דו, מאַמאַ. דו האָסט געהאַט דאָס, װאָס דו האָבסט פערלאָנגט.

— איהר װײנט אַזױ, טעכטערלעך מײַנע?... איהר האָט רעכט, איך בין גליקליך געװעזען מיט אײער פאָטער. דאָס האָט אָבער ניט געשטערט אָרעסט'ן צו זײַן זעהר שעהן.

איהרע אױגען זענען זעהר קלײן געװאָרען; איהרע קנײטשען זענען גלײַך געװאָרען; מען האָט נישט געקענט פערשטעהן, צי זי לאַכט. אין דער נישט-ריכטיגער בעלײַכטונג האָט זיך הינטער דעם געפיהלט אַ װײַס אומרוהיג קריכען זיך פון אַ סטאַטוע.

— װער איז געװען אָרעסט? — האָט די מאַרקיזין גרימי געפרעגט.

— אָרעסט האַטי, דעם קאַרדינאַל-לעגאַטס אַ פּלימעניק. ער האָט געהאַט בלױע אױגען, ער איז געװען מײַנער אַ יוגענד-חבר. מיר האָבען מיט איהם געשפּילט אין דעם גאָרטען פון דעם אַרכיבישאָפס פּאַלאַץ, װאו איך בין געװען נישט אײן מאָל, בעת מען פלעגט אױפנעהמען דאַמען און מאַנסלײַט. דאָרט פלעגט מען דערלאַנגען פערצוקערטעס װאַסער און װאַסער אָהן צוקער, אָבער געפראָרענס װעדליג דער צײַט פון יאָהר. אין די זאַלען האָט אַנ'עכאָ אָבגעקלונגען. אײנע אַנ'אַלטע גרעפין, װאָס איך געדענק מעהר איהר נאָמען נישט, האָט די גאַנצע צײַט איבערגעװאָרפען פון אײן האַנד אין די אַנדערע אַ זילבערנעם באַל, װאָס איז געװען אָנגעפילט מיט הײס װאַסער.

װען מיר איז געװען זעכצעהן יאָהר, איז ער אָנגעקומען פון רױם, פון אוניװערזיטעט און האָט זיך גענומען דרעהען אַרום מיר. אױפ'ן שפּאַצירער איז ער אַ מאָל צװאַנציג פאַמעליך דורכגעגאַנגען פאַרבײַ מיר און האָט זאָגאַר בעגריסט דאָס שטוב-מײדעל, װאָס איז געגאַנגען הינטער מיר. אין אָבענד האָט ער זיך מיט זײַנע חברים געשטעלט אונטער מײַן באַלקאָן און האָט געשפּילט און געזונגען. ער האָט געהאַט אַ שטים — איך הער זי נאָך עד-היום.

אײנמאָל אין אָבענד, װען איך האָב זיך פון שפּאַצירען אומגעקעהרט, האָט געקאָכט די שטאָדט, װאָס איז פול געװען מיט מענשען. מען האָט נאָר-װאָס איבער אַ נײַעם אַרומגעצױמט דאָס געטאָ; זײַנע טױערן זענען אַרױס גלײַך נעבען דעם גרױסען פּלאַץ. איך האָב דערזעהן אַ יונגען מאַן, װאָס איז אַרױפגעקלעטערט אױפ'ן טורם נעבען טױער און װאָס האָט זיך אין דער הײך פערמאָסטען מיט אַ האַק. דערנאָך זענען נאָך אַ סך אַרױף

אויף די ווענד און די טויערן, האָבען געקלאַפּט אין די שטיינער און ברע־טער און האָבען זיי אַרויסגעריסען. זיי האָבען געוואָלט, אַז די יודען זאָלען אַרויסגעהן. איך האָב דערהערט, אַז דאָס ווערט געטהון אין נאָמען פון דער פרייהייט. אַ גרויס געפיהל איז ביי מיר דאַמאָלס ענטשטאַנען, אַ גע־פיהל, וואָס האָט מיך מעהר קיינמאָל נישט פערלאָזען. מיר דאַכט זיך, עס לעבט נאָך איצט אויך אין מיין האַרצען און עס האָט דאָס בילד פון דעם יונגלינג, וועלכער האָט דער ערשטער אויפגעהויבען די האַק אויפ'ן טורם אין געטאָ. טעכטער מיינע, דאָס איז געוועזען אייער פאָטער!

ער איז נישט געוועזען קיין שעהנער, ער איז גיכער אַ שוואַכער געוועזען, און איך האַלט עס פאַר אַ גרויסען נס, וואָס ער האָט אַריינגעלעבט ביז דעם זעקס און זיעבציגסטען יאָהר... אויף מאָרגען נאָך דעם האָב איך איהם דערזעהן אויפ'ן שפּאַציער און האָב איהם בעגריסט, הגם אונזערע עלטערן זענען געוועזען נישט בעקאַנט. איך האָב געצוואונגען מיין טאַטען, ער זאָל אַריבערגעהן צו זיין פאָטער. קלאַוודיוס האָט אויך פונקט אַזוי זיך געדרעהט אַרום מיר, נאָר ער האָט מעהרסטענטיילס גערעדט וועגען פריי־הייט, יאָ, — וועגען דער פרייהייט פון לאַנד און וועגען רוים. ער איז גע־וועזען אַ גרויסער רעדנער און זיינע הענד האָבען דערביי אַזוי געאַרבייט, אַז איך האָב אַלץ פערשטאַנען און האָב אַלץ מיטגעפיהלט. ביז שפּעט אין דער נאַכט פלעגט ער זיצען איבער ביכער, וואָס, ווען מען וואָלט זיי נאָר געפינען ביי איהם, וואָלטען זיי איהם געוויס אַריינגעבראַכט אין טורמע אַריין. ער פלעגט דערביי טרינקען אַ סך הייסע קאַווע, הערנאָך אייז־קאַלטעס וואַסער, און דעריבער זענען ביי איהם שפּעטער אַרויסגעפאַלען פון מויל אַלע ציינער, וועלכע זענען געוועזען פאָלקאָם געזונד און גאַנץ.

אָרעסט, האָט מיר, פון זיין זייט, מודיע געוועזען, אַז ער וויל מיט מיר חתונה האָבען. ווען ער האָט איינמאָל ווידער אונטערגערוקט מיין שטוב־מיידעל אַ בריוועלע, האָב איך איהם געענטפערט, אַז איך וועל חתונה האָבען נאָר פאַר אַ פרייהייטס קעמפפער, פאַר דעם, וואָס וועט פערטרייבען פון לאַנד די גלחים. אָרעסט האָט געזאָגט, אַז דער דאָזיגער בריעף איז זעהר אַ געפעהרליכער און האָט איהם צוריסען פאַר מיר אין די אויגען. איך האָב איהם בעשוואָרען, ער זאָל ליעב קריגען די פרייהייט. ער האָט גע־זאָגט: אַז מיט קלאַוודיוס גאַלאַנטי'ן האָט ער זיך שוין אַ מאָל געטראָפען אין רוים. צווישען די סטודענטען־ליבעראַלען איז דאָס געוועזען דער גרעסטער עזות־פּנים; ער, אָרעסט, קען איהם אַלע ווייַלע אַרויסבעטייטשען פון זיין וועג.

— דו ביזט אַ פחדן! — האָב איך אויסגעשריען.

ער האָט צוזאַמענגעדריקט די ברעמען.

— איך האָב פאַר איהם קיין מורא נישט, ער מעג זיך בלייבען, וואָס ער איז; איך וועל אָבער אויך בלייבען, וואָס איך בין.

— גלויב, מיין אָרעסט, אין דער דאָזיגער גרויסער זאַך, אין דער פרייהייט! טייל אונזערע געפיהלען, די געפיהלען פון דיין לאַנד, דעם נאָבעלען אַלטען לאַנד, וואָס ציטערט פאַר חרפה אונטער דעם יאָך פון די פרעמדע און גלחים!

— איך בין גראַף אָרעסט האַסטי, דעם קאַרדינאַל־לי נאָזם אַ פּלימע־ניק. איך געהער צו די הערשער. וואָס וואָלט איך געטהאָן צווישען די אויפגעשטאַנענע? אייער פרייהייט לעבט נאָר אין דער פּלוידעריי פון די פּלעבייען, וואָס יאָגען זיך נאָך כבוד און רוהם.

— אָ, דו ... דו וואָלסט נישט וואַגען צוצוברעכען די טויערן פון גענאָ!

— איך וואָלט נישט וואַגען? מיר וועלען נאָך זעהן, וואָס איך וועל וואַגען!

ער האָט זיך אַ וואָרף געטהון נאָך מיר. מיר האָבען זיך געלאָזט לויפען. מיר האָבען געטריבען שפּאַס. איך געדענק נאָך, ווי מאָרגע דער קאָפּ האָט זיך מיר צומישט, ווען ער האָט מיך געחאַפּט צווישען צוויי קאַ־מעליען־קוסטעס, געדיכט בעדעקט מיט רויטע בלומען, דאָרט, וואו אוים דעם פוס־געשטעל פון אַ גרויסער שטיינערנער סטאַטוע האָט אַ קוואַל געשלאָגען. ער האָט רוהיג געאָטעמט אונטער זיינע קורצע בלאָנדע לאָקען און אויפ'ן האַלז פון אונטער זיין סאַמעטענעם מאַנטעל אַרוים האָט זיך געזעהן אַ שטיקעל העמד מיט שפּיצען. דאַמאָלס האָב איך פערשטאַנען. דאָס איז געוועזען גראַף אָרעסט, דעם לעגאַטס אַ פּלימעניק.

לאַנגזאַם זענען מיר געגאַנגען צוריק אונטער די אונטער־געשווירענע בוימלעך ביז צו די פענסטער פון פּאַלאַץ. דאָרט איז געוועזען אַ ברונען, אַ גרויסע מעכאַנישע געביידע, און די קראַפט פון זיין וואַסער האָט געבראַכט אין בעוועגונג זעהר פיעל סטאַטועס. אַ מענש אויף אַן'עזעל האָט געריטען איבערן קאַנט פון ברונען. גאָר אויבען האָבען איינציגע פיגורען געוואָרפען איינס צו דעם אַנדערן אַ שוועערן באַל. אָרעסט איז פּלוצלונג אַרויפגע־שפּרונגען אויפ'ן עזעל און האָט אַריינגערוקט דעם קאָפּ צווישען די, וואָס האָבען געוואָרפען דעם באַל. איך האָב אַ געשריי געטהון; מיט אַ הילכיג

געלעבטער האָט ער אָבגעקעקוועט דעם קאָפּ. אַ מינוט שפּעטער — און דער שוועדער באַל וואָלט איהם דעם קאָפּ צושמעטערט.

אויפ׳ן שוועל איז אונז אַרויס אַנטקעגען איינער פון דעם קאַרדינאַלס דינער און האָט אָרעסטען איבערגעגעבען דעם בעפעהל פון קאַרדינאַל, צו פערבלייבען אין זיין צימער ביז מאָרגען. דער קאַרדינאַל האָט גע־זעהן, ווי זיין פּלימעניק האָט געהאַלטען דעם קאָפּ, צווישען די, וואָס האָבען געוואָרפען דעם באַל, און איז געווען אין כעס.

אין יענער נאַכט בין איך געשטאַנען ביים פענסטער, און מיר האָט זעהר פערדראָסען, וואָס אָרעסט האָט נישט געקענט קומען און זינגען; איך האָב די אויגען נישט אַראָבגענומען פון דעם אָרט, וואו ער האָט געוואוינט. די הינטערשטע זייט פון מיין הויז איז אַרויסגעגאַנגען אין גאָרטען, און הינ־טערן גאָרטען איז געשטאַנען דער פּאַלאַץ און זיין צימער. אויפ׳ן הימעל האָט זיך בעוויזען די לבנה און מיר האָבען זיך דערקענט. ער איז אַרויס אויף זיין באַלקאָן און מיר האָבען זיך בעגריסט פון דער ווייטענס. פאָר־זיכטיג האָבען מיר פונאַנדערגענומען אונזערע טאַשענטיכלעך; ביים שיין פון דער לבנה האָבען זיי אָבגעשלאָגען מיט אַ גלאַנץ פון זילבער־ווועלען. איך האָב געהערט די טריט פון דער וואַך אויפן הויף אונטער איהם.

פּלוצלונג האָט ער זיך אַ וואָרף געטהון אַריבער איבער די אַייזערנע שטאַקעטען פון באַלקאָן, איז געבליבען הענגען אויף צוויי אויסגעבויגענע שטאַנגען און האָט זיך גענומען פונאַנדערוויגען. דער שומר איז דערווייל פאַרביי־געגאַנגען ביי דער אַנדער זייט פון דער לאַנגער הויף־וואַנד און איז אויסגעקומען, מיט׳ן פּלייצע צו אָרעסט׳ן. אָרעסט האָט אַ קוק געטהון אויף הינטער: די וואַנד איז געוועזען דריי מעטער ווייט פון איהם און איהר הויך איז געווען כמעט דריי מאָל ווי דער ערשטער שטאָק, פון וועלכען ער איז אַראָבגעהאָנגען. ער האָט זיך פונאַנדער געוויגט שטאַרקער און שטאַרקער; איך האָב כמעט דאָס גאַנצע טיכעל פערשטעקט אין מויל אַריין. און דער־ווייל האָט ער אָבגעלאָזט די הענד און איז אַריבערגעפלויגען איבער דער וואַנד. איך בין געפאַלען. אַז איך האָב מיך אויפגעהויבען, איז ער שוין גע־לאָפען איבער דער ווייכער ערד פון גאָרטען. ער האָט געפונען דאָס פערטעל און איז באַלד נישט געוואָרען אין דעם פינסטערן געסעל, וואָס האָט געפיהרט צו מיר. איך ווייס נישט, ווי אַזוי מיר האָט עס געלונגען אַראָבצולויפען פון די טרעפּ אונבעמערקטערהייד, ווי אַזוי האָב איך עס אָבגערינגעלט די טהיר און קיינער האָט עס נישט דערהערט. ווייל אַלע אברים האָבען אין מיר געציטערט און מיין האַרץ האָט זיך געוואָרפען, גלייך ווי עס האָט

געוואָלט אַרויסשפּרינגען. נישט מעהר ווי איינינע מינוטען זענען מיר געשטאַנען אַרומגענומענערהייד אין ווינקעל ביים טהיר, נישט רעדענדיג אַ וואָרט.

קורץ נאָך דעם האָב איך חתונה געהאַט מיט קלאַוודיוס׳ן, אין צוויי יאָ־ר אַרום נאָך דער בעלאַגערונג פון דעם געטאָ, דעם 12־טען מאַי 1848־סטען יאָהר זענען מיר אַרויסגעטראָטען געגען די דייטשען. איך בין נאָכגעגאַנגען מיין מאַן, וואָס האָט זיך געפונען אין אַנ׳אָבטיילונג פון פריוויליגע. דער פּאַבסט אַליין איז געוועזען מיט אונז, ווייל זיין ברודער וואָס איז אויך געוועזען צווישען די אינסורגענטען, האָט מען גענומען געפאַנגען. דער פּאַבסט אַליין האָט געבענשט אונזערע פאָהנען. די דייטשען האָבען אונז אומעטום געשלאָגען: אין וויטשענץ, ביי קאָרנוד, אין ווענעדיג. אין וויטשענץ האָבען מיר געמיינט, וועלען זיי זיך אַריינרייסען אין שטאָדט אַריין, וועלען מיר זיי פערברענען אין נאַפט און פערשליידערן מיט ברוקשטיינער. זיי האָבען אָבער אונז צושאָסען פון די בערג אַראָב. וואָס האָבען מיר געקענט מאַכען, מיר זענען געוועזען נישט געניט. אין ווענעדיג האָבען זיי אונז פערשפּאַרט, און מיר האָבען געמוזט עסען עזעל־פלייש; דאָס האָט מיין מאַן געקאָסט אַנ׳ אויג פון קאָפּ. די גאַנצע צייט זענען מיר געוועזען פרעהליך און זיכער אין אונזערע קרעפטען. איך האָב געטראָגען אַ דריי־פאַרביגען שאַרף. איהר קענט איהם געפינען אָט אין יענעם גלעזערנעם קעסטעל; מיין הויז איז פול געוועזען מיט פערוואונדעטע, אַרום וועלכע איך בין אַרומגעגאַנגען. דעם מאַן מיינעם האָט מען דורכגעשאָסען אַ באַק; אַ העלפט פון זיינע וואָנסען זענען פערלוירען געגאַנגען. פון דאַמאָלס אָן איז די רעכטע זייט ביי איהם שטענדיג געוועזען וועניגער בעוואַקסען ווי די לינקע.

נאָר אַז מיר האָבען זיך אומגעקעהרט קיין פעראַראַ, האָט שוין דער פּאַבסט שטאַרק מורא געהאַט פאַר די דייטשען. זיין ברודער האָט מען שוין אַרויסגעלאָזען פון געפענגניש. איצט איז דער פּאַבסט געווען אַ פריינד פון אונזערע פיינד: מיר האָבען שוין איצט געהייסען פעררעטהער, מיר, וואָס זענען אַרויסגעטראָטען מיט זיינע ברכות אויף אונזערע פאָהנען.

קלאַוודיוס האָט זיך געוואָלט פערנעהמען מיט אַדוואָקאַטור; האָבען זיי דאָס איהם פערבאָטען. טיילמאָל, ווען ער פלעגט זיך אַהיים אומקעהרען, פלעגט ער זאָגען, אַז איהם איז אַ גרויסער חדוש, וואָס מען אַרעסטירט איהם נישט. דאָס רוב פון זיינע פריינד האָט מען שוין געהאַט אַרעסטירט לויט׳ן בעפעהל פון די טריאומוויר׳ען. איינער פון די דריי עצה־געבער דעם פּאַבסט׳ס איז געוועזען אָרעסט האַטטי.

דערווײַל האָט מען בײַ אונז געמאַכט אַ רעוויזיע. מיר וואָלטען פער־לוירען געגאַנגען, ווען מען זאָל בײַ אונז געוויען געפינען געווער. נאָר עס איז געלעגען אין קיך־טישעל; מען האָט איהם אָבגעשרויפט די פּיסלעך און פעררוקט אין וואַנד אַרײַן, אַזוי אַז ס'האָט זיך געדאַכט, עס העננט נישט טעהר ווי אַ ברעט אויפ'ן וואַנד. זײַ האָבען געפונען פּאַפּירען און האָבען געפּאָדערט, קלאַוודיוס זאָל זײַ אונטערשרײַבען. ער האָט נישט געוואָלט. ער האָט נישט געוואָלט אַפילו דאַן, ווען עס האָט איהם געשיקט רופען אָרעסט האַטטי.

איך בין געוועזען זעהר אומרוהיג, און האָב בעשלאָסען זיך דורכצו־רעדען מיט'ן לעגאַט. ער פלעגט דאָך מיר גאַנץ אָפט גלעטען איבער'ן בע־קעל, ווען איך בין נאָך אַ קינד געוועזען. אַז איך בין אַרײַן, האָבען זײַ מיך אָנגעקוקט מיט חשד. איך האָב געטראָגען אַלטע קליידער: קלאַוודיוס האָט דאָך גאָרנישט פערדינט. איך האָב געמוזט דורכגעהן דורכ'ן גערטנער: מײַנע שיך זענען געווען פערשמאָלצען און פערקויטיגט. פון פאָדער־צימער האָט מען מיך אַרויסגערופען פון צווישען די איבריגע בעזוכער אין קאַבינעט אַרײַן, וואו מען האָט מיך געלאָזט אַלײַן. נאָר אָט האָט זיך די טהיר אויפ־געמאַכט און אָרעסט איז אַרײַנגעגאַנגען.

— ווי דו ביזט פערברוינט געוואָרען, — האָט ער געזאָגט. — ביזט איצט נאָך שעהנער.

ער האָט מיך געוואָלט אַ חאַפּ טהון ווי אַ מאָל, ער האָט אָנגעריהרט מיט זײַן האַנד מײַן אַקסעל.

— דאָ איז געלעגען אַ דרײַ־פאַרביגע פאָהן, — האָב איך געזאָגט און זיך אָבגערוקט פון איהם.

ער האָט צוזאַמענגעדריקט די ברעמען.

— דו ווערסט באַלד פרײַ זײַן. דײַן מאַן וועט לאַנג נישט לעבען.

— איך ווײס, — האָב איך געענטפערט, — אַז די און די האָבען געגעבען זײערע חתימות און מען האָט זײַ אויפגעהאַנגען. קלאַוודיוס וועט זיך אָבער נישט אונטערשרײַבען.

— מען וואָלט זײַ אויפהענגען אָהן חתימות אויך.

— דו האָסט שוין בעסער געדאַרפט מסר'ן מײַן מאַן. ווען ער האָט אַלס סטודענט געהאַלטען אַ רעדע פאַר פרײַהײַט; וואָס האָט עס דיר געטויגט אַזוי לאַנג צו האַלטען זיך מיט דײַן פּחדנות.

ער איז געבליבען רוהיג.

— איך ווייס אַז דו ווערסט זײַן מײַנע, — האָט ער געזאָגט. — איך פאָדער גאָרנישט, דו וועסט אַלץ אַליין געבען.

ער האָט זיך פערטראַכט.

— דײַן מאַן דאַרף אַנטלויפען. ס'איז נישט אין מײַן רשות צו לאָזען איהם לעבען. היינט זיבען אַ זייגער אָבענד זאָל ער אַרויספאָהרען פון שטאָדט־טויער, איבערגעטאַהון אַלס פויער.

איך בין אַוועק אַהיים. קלאַוודיוס איז געקומען. זײַנע פרײַנד האָבען איהם געראַטען, ער זאָל אַנטלויפען. איך האָב איהם געגעבען אָנצוטהון די זאַכען פון אַ פויער, וואָס פלעגט אונז ברענגען גרינס, און ער איז אַנטלאָפען.

איך בין געבליבען. קלאַוודיוס האָט מיך נישט געוואָלט נעהמען אין דעם נישט־זיכערן וועג אַרײַן. אויסער דעם, האָב איך געוואוסט, אַז מיך וועט מען נישט דורכלאָזען. איך בין געוועזען גאַנץ אַליין בײַ אונז אין הויז; איך האָב אַליין נישט געהאַט וואָס צו עסען, בפרט נאָך פאַר דער דינסט. און פון וועלכען פענסטער איך האָב נישט אַרויסגעקוקט אין דרויסען אַרויס, האָב איך אַלץ געזעהן אַ פרצוף פון אַ שפּיאָן. זיי האָבען קיינעם נישט צוגעלאָזט צו מיר.

נאָר איינמאָל אין אָבענד האָב איך דערהערט, ווי דאָס טויער האָט זיך פונאַנדערגעעפענט. איך האָב אַרויסגעקוקט פון מײַן פענסטער אַרויס, אונטען אין פאָרהויז איז געוועזען שטאָק־פינסטער. נאָר אין דער פינסטערניש האָבען זיך געלאָזט הערען פעסטע טריט. איך האָב מײַן טהיר נישט פערשפּאַרט, — האָט עס מיר דען געקענט העלפען? אַ פלוצלונגער פיבערהאַפטער שרעק איז מיך בעפאַלען — נישט פאַר דעם, וואָס איז איצט געגאַנגען אויף די טרעפּ, נישט פאַר איהם. ס'איז הייס געוועזען. מײַן האַלז איז געוועזען נאַקעט. איך האָב מורא געהאַט פאַר מײַן אייגענע ברוסט און פאַר קלעפּ אין איהר. איך האָב געזוכט הילף; איך האָב גענומען מײַן דרײַ־פאַרביגע שאַל און האָב זי אַרויפגעלעגט אויף מײַן נאַקעטע ברוסט. אַזוי בין איך געשטאַנען און געוואַרט.

ער איז אַרײַן און האָט פערקרימט דאָס מויל.

— אָט שטעהסטו און ווייסט געוויס, אַז דו ביזט מײַנע, — און מיט דער הילף פון אַ געפאַרבטע טיכעל ווילסטו זיך שטעלען געגען מיר און געגען זיך אַליין, ווי נאַאיוו דו ביזט!

נאָר פלוצלונג האָב איך אין זיך דערפיהלט אַ דרייסטקייט. די לאָמפּ מיט די דרײַ ברענענדיגע קנויטען האָט געצאַנקט אויפ'ן טיש הינטער מיר;

עֶר האָט נאָר געזעהן דעם סילועט פון מײַן געזיכט. איך האָב אָבער געקענט זעהן, ווי בלאַס ער איז געווען. לאַנגע שאָטענס האָבען געטאַנצט אַרום אונז אויף דער וואַנד.

עֶר האָט געזאָגט:

— דאָס אייגענע איז דאָך שטענדיג געווען. דו האָסט זיך שטענדיג דראַפּירט אין דער פרײַהײַט, ווי אין אַ טיכעל, ווײַל דו האָסט מיר נישט געוואָלט אַוועקגעבען דײַן שעהנהײַט. דו האָסט מיך אָבער ליעב, האָסט מיך שטענדיג ליעב געהאַט. איז דאָס אמת, אַז דו האָסט געוויינט, בעת איך בין אַריבערגעשפּרונגען איבער דער וואַנד פון׳ם באַלקאָן?

— דאָס איז אמת, — האָב איך געענטפערט, — און איך וואָלט דיך ליעב האָבען. נאָר איך האָב דערויף קײַן רעכט נישט געהאַט, ווײַל ס׳איז געוועזען עטוואָס גרעסערס, וואָס איך האָב דערזעהן און וואָס איך האָב נישט געטאָרט פערגעסען: דעם, וואָס איז אויפ׳ן טורם געשטאַנען פאַר דאָס געטא און האָט געשלאָגען מיט זײַן האַק אין טויער אַרײַן.

— אַך, וואָס יושר! — האָט ער אויסגעשריען. — איצט זענען מיר אַלײַן אין דעם דאָזיגען הויז, און קײנעמס פוס וועט דאָ נישט זײַן. יענער, דער אַנדערער איז ווײַט, נישטאָ — ווער ווײַס, וואו? וואָס נאָך לעבט איצט פון יענער וועלט? און די פרײַהײַט איז געשטאָרבען. אָט דער דאָזיגער שאָטען. מיר זענען אַלײַן: איצט וועסט האָבען גענוג מוט פאַר אונזער ליעבע. און אויב דו וועסט עס נישט האָבען, האָב איך עס שוין פאַר דיר אויך.

עֶר האָט פערוואָרפען די הענד אַרום מײַן האַלז, און איך האָב געפיהלט, ווי זיי ציטערן. איך האָב איהם אָבגעשטויסען און זיך געלאָזט לויפען דורך דער טהיר אַרויס אויף די טרעפּ אַראָב. ער איז מיר נאָכגעלאָפען. אונטען, אין איינעם פון די פינסטערע צימערן האָט ער מיך ווידער געחאַפּט; מיר זענען געפאַלען, ווידער אויפגעשפּרונגען און זיך פערטשעפּענדיג אַלע ווײַלע, זענען מיר ווײַטער געלאָפען. פון צײַט צו צײַט פלעגט אונז צוטײַלען דאָס מעבעל, וואָס מיר האָבען עס נישט געזעהן און ער פלעגט עס אומוואַרפען. דאַן פלעגט ער ווידער אויספליסטערן גאָר נאָהנט פון מײַן געזיכט: „דו האָסט מיך ליעב!“ און איך פלעג פון זיך אַרויסקוועטשען: „נײַן“!

ענדליך — איך ווײס נישט ווי אַזוי — זענען מיר אַרויסגעקומען אין גאָרטען אַרויס. די לבנה איז דאָרט נישט געווען צו זעהן. שוויַיגענדיג, מיט אײַנגעהאַלטענעם אָטהעם האָבען מיר זיך איינער נאָכ׳ן אַנדערן געשלײַכט

דורך די שוואַרצע קוסטעס. אין דעם גאָרטען־שטיבעל, וואו ס׳האָט אַ שמאָק־פינסטערניש געהערשט, האָט ער מיך געהאַפּט און אַ וואָרף געטהון אויף אַ באַנק. זיין האַנד איז געלעגען אויף מײַן נאַקעטער ברוסט; די דריי־פאַרביגע שאַל האָב איך שוין לאַנג אָנגעוואָרען אין דער פינסטערער ערגיץ אין שטוב. מיר האָבען געפיהלט, אַז מיר קוקען איינער דעם אַנדערן אין די אויגען אַריין, נאָר קיינער פון אונז האָט נישט געזעהן דעם צווייטענס פנים. איך האָב געפיהלט דאָס שלאָגען פון זיין האַרצען, און ער — פון מיינעם. עפּיס אַ בלאַט האָט געראוישט איבער אונזערע קעפּ, אויף אַ ווײַלע איז מיר פאַרגעקומען, אַז הינטער דער גאָרטען־וואַנד גנב׳ענען זיך טריט. מען האָט אונז געהיט. דאָס הויז און דער גאָרטען און די שטאָדט זענען געלעגען אין פינסטערניש געשמידט, אין דער וועלט זענען נאָר געווען אונזערע שלאָגענדע הערצער, מיך האָט ווידער אַ שרעק דורכגענומען, אַזאַ שרעק, ווי נאָך קיינמאָל. עפּיס אַ גלעקעל האָט גענומען קלינגלען, עפּיס אַ מאָדנע גלעקעל מיט אַ אונרוהיגען קול... מיר האָט זיך ערשט אויסגעדוכט, אַז איך הער עס ווידער.

די אַלטע פולוויע האָט זיך גענומען צוהערען. נאָר איבער די דעכער פון רוים איז געלעגען אַ שטיל־שטומע נאַכט.

— ווי עס דערמאָהנט זיך דאָס אַלץ, — האָט זי אַרויסגעשטאַמעלט. ווי וועניג מען דאַרף דערצו האָבען... דאָרט, אין דעם גאָרטען־שטיבעל, האָב איך מיט אַנ׳אומעטיגער שטימע געזאָגט:

— הער, אָרעסט, עס איז אַזוי מאָדנע! מיר דרעהט זיך דער קאָפּ, אַזוי ווי צווישען יענע קאַמעליען־קוסטעס ביים קאַרדינאַל אין גאָרטען, וואו דו האָסט מיך געהאַפּט. אויך דאַמאָלס האָבען מיר זיך געיאָגט איינער נאָכ׳ן אַנדערן. דאַמאָלס אָבער זענען מיר געוועזען בעסער.

— דאָס איז דיין שולד, האָט ער געענטפערט; און איך, נישט הערענדיג איהם:

— מיר זענען יונג געוועזען און אַלע בוימער אין גאָרטען זענען געווען איינגעהילט אין אונזערע חלומות. געדענקסטו נאָך ווי מיר פלעגען בשעת דעם שמועס פון די אַלטע לייט פיהרען, זיצענדיג צווישען זיי, אַ בעזונדערן שמועס, נאָר פאַר אונז אַליין?

— און אויפ׳ן שפּאַציר, — האָט ער צוגעגעבען, — ווען מיר פלעגען זיך בעגעגענען און קוקען איינער דעם אַנדערן אין די אויגען אַריין; איך האָב דאַמאָלס געצעהלט מיינע טריט: פינף, צעהן, צוואַנציג. אָט האָסטו זיך אומגעקעהרט און איך האָב ווידער געקענט געהן דיר אַנטקעגען און מײַנע פיס

זענען לײַכט געװען, גלײַך װי דער װעג װאָלט דורך דער לופטען געצױגען.

מיר זענען אַנטשװיגען געװאָרען, דערנאָך האָט ער האַרט געזאָגט:

— און אָט בין איך ענדליך אײנגאַנצען מיט דיר. איצט קען איך דיך האָבען. דו האָסט דאָך עס געװאָלט? און אונזער מזל האָט אונז סוף כל סוף געבראַכט אַהער.

מיט אַ מאָל האָט ער מיך אַרױסגעלאָזט, איז אַװעק פון מיר אין די קוסטעס אַרײַן, אַזױ אַז איך האָב מעהר נישט געזעהן זײַן סילועט אפילו.

— נײַן, נישט אַהערצו, — האָט ער געזאָגט. איך האָב אַרױס־געפּליסטערט:

— װאָלטען זײַ מיר דאַמאָלס דערשיסען אין װיטשענץ! אַך, אָרעסט, דו װײסט נישט, װי לײַכט עס איז צו שטאַרבען פאַר דער דאָזיגער גרױסער זאַך, פאַר דער פרײַהײַט!

— איך װײס. פון דאַמאָלס אָן, זינט דו ביזט דאָרט געװען, װײס איך דאָס. און מיר װאָלט זיך װעלען דורכגעהן מיט דיר דורך עפּיס אַ שטאָדט, װאו עס שיטען זיך קױלען. זאָג, פּולװיע, האָסטו װען געטראַכט װעגען דעם, אַז אײן און דיזעלבע קױל װאָלט געקענט טרעפען אונז בײדען?

— װען דו װאָלסט זײַן מיט מיר, יאָ, און מיט דער פרײַהײַט. איך האָב מיט מײַנע אײגענע הענד אַרױסגעגראָבען שטײנער פון ברוק, װעלכע מיר האָבען געװאָלט װאַרפען פון די פענסטער אַרױס. פאַר װאָס ביזטו דאַמאָלס נישט געװען דאָרטען, אום מיר צו קענען העלפען?

— דו ביזט אױך אַרום פערװאונדעטע אַרומגעגאַנגען. אָ, װען איך װאָלט שטערבליך פערװאונדעט געװאָרען און געשטאָרבען דערפון! נאָר דײַנע ליפּען װאָלטען געמעגט בעריהרען מײַן װאונד פאַר מײַן סוף!

— עס װעלען נאָך זײַן אַנדערע געפּעכטען, — האָב איך שטיל געזאָגט נאָך אַ קלײנעם שװײַגען.

— איך װעל געהן אַהין! — האָט ער אױסגעשריען, טופּענדיג מיט'ן פוס. — איך געהער אױך צו דעם דאָזיגען לאַנד און עס פרײַ מאַכען!

— װען װעסטו געהן?

— שױן. הײַנט בײַ נאַכט!

איך האָב מיך דערשראָקען, איך האָב אַ געשרײַ געטהון:

— ניין! דו ווייסט מיך נישט פערלאָזען. קלאַוודיוס איז אויך נישט געוואָרען. דאַרף איך דען שטענדיג פערבלייבען אין אָט דעם הויז, וואו ס'איז קיין לעבעדיגער מענש נישטאָ? וואו, מיר דאַכט זיך, עס וועט שוין מעהר נישט טאָגען? אָרעסט!

איך בין אַראָב פון באַנק, איך בין צו זיינע פיס געפאַלען, בעריהרענדיג זיינע קניע. מיין גאַנצע זעלבסט-בעהערשונג איז פערשוואונדען; קראַנק און וואַהנזיניג בין איך געוועזען.

— נעהם מיך, — האָב איך געזאָגט. — בעסער נעהם מיך! נאָר געה נישט אַוועק! פערלאָז מיך נישט!

ווי אַ ברודער האָט ער מיך אויפגעהויבען.

מיר וועלען ביידע געהן, איך וועל דיך דורכפיהרען מיט אַ זיכערן וועג קיין טורין.

אין הימעל האָט זיך אַ גרויער שיין בעוויזען. אונזערע פיגורען האָבען גענומען אַרויסשווימען פון דער פינסטערניש אַרויס. שווייגענדיג האָבען מיר געוואַרט ביז וואַנען מיר האָבען געקענט אונזערע אויגען זעהן. וויפיעל שטורמס עס האָבען עס אין דער דאָזיגער נאַכט אין זיי אויפגעברויזט, און מיר האָבען עס נישט געזעהן. איצט זענען זיי שטיל געוועזען, ווי שאָטענס.

אָרעסט האָט אַרויסגעלאָזט אין שטאָדט אַ קלאַנג, אַז ער פיהרט מיך אַוועק אין זיין לוסט-שלאָס הינטערן שטאָדט-טויער. מיר זענען אַנטלאָפען, האָבען זיך אַריבערגעהאַפט איבער דער גרעניץ — און קיין טורין. דאָרטען האָבען מיר געטראָפען קלאַוודיוס'ן. ער האָט נאָך געליטען פון זיינע וואונדען, באַלד איז אונטערגעקומען די קראַנקהייט זיינע; איך האָב געמוזט בלייבען מיט איהם. אָרעסט האָט זיך אַליין אַוועקגעלאָזט אין וועג אַריין. ער איז געפאַלען פאַר פרייהייט ביי וואַרעזע.

אין אַ ווייַלע אַרום האָט די מאַרקיזין גרימי געזאָגט מיט אַ זיפץ:

— ער איז דאָך אָבער געשטאָרבען פאַר איך, פאַר אייך!

— יאָ, מאַמאַ, — האָט ענטשלאָסען אַרויסגערעדט ראַמינגאַ און האָט געלאָזען איהר הינטעל, עס זאָל איהר דאָס געזיכט לעקען. דו האָסט פיעל גוטעס געהאַט, ער איז געשטאָרבען פאַר דיר.

— שווייג, — האָט פולוויע בעפעהלענדיג אויסגערופען. ער איז געפאַלען פאַר פרייהייט!

אַ שפּאַציִער הינטער'ן טויער.

לוקא איז שוין געווען אויפן שוועל, האָט שוין אָבגעשטויסען די סקריפּענדיגע טהיר און איז ווידער שטעהן געבליבען. די דומפּפע שטים פון אַלטען, וואָס, ווי עס האָט זיך געדאַכט, איז שוין לאַנג געווען איינגעשלונגען פון דער צייט, האָט איהם נאָך אַ מאָל בעהערשט.

— „געה און די וועלט געה דורך קעמפּפענדיג". און ווען זי וועט בלייבען ליגען אונטער דיר בײַ דײַנע קניע, און דו וועסט זיך צו אונז אומקעהרען, ווי יעדערער קעהרט זיך אום צו אונז צוריק — דאַמאָלסט, וואָס האָסטו געטאָן, ווי נישט געמאַכט אַ שפּאַציִער הינטער'ן טויער?

דרײַ אַלטע האָבען, שיפּענדיג, געוואָרפען זייער קאַלטען אָטהעם אין די לופט פון דעם פײַכטען זאַל. די שפּאַלטען פון זײַנע ווענד האָבען זיך פון טאָג צו טאָג געמעהרט. ס'האָבען געפּוילט די דעמבענע שינדלען, וואָס האָבען צוגעדעקט די ווענד. און הילפלאָז און שווײַגענד האָבען געקוקט די שטאַרע שויבען.

בײַ איינער פון די אַלטע איז געווען אַנ'אָנגעבלאָזענער בויך — גרויס, ווי אַ באַרג, בײַ דער אַנדערער — אַ משונה אָנגעשוואָלענער האַלז, בײַ דער דריטער — אַ האָרב. מיט וואָס האָבען זיי געשפּײַזט זײַערע שרעקליכע געוויקסע? לוקא'ן האָט זיך געדאַכט: אַז זײַן יוגענד איז, ווי אַ ווײַסער טויב, זוכט אויף אַלע זײַטען און ציטערט אין זײַערע אַלטע נעגעל. און זיי זויגען אויס זײַן בלוט מיט זײַערע אויסגעלעגטע, ענטטוישטע מוסר-זאָגערײַ.

דער אַלטער איז געווען אַ בלינדער. מיט וואָס האָט ער אָנגעפיהלט זיין פערמיסטיגטען מארך? מיט לוקא'ס בונטע יונגע טרוימען: פון בליהענדע לאָנקעס, וואו יונגע פרויען מיט שווארצע האָהר בעקרוינען מיט רויזען די בלאָנדגעלאָקענטע ריטער, פון ווייסע שטעדט, וואס טרויערן אויף די ברעגען פון בלויע ים'ן נאָך זייערע בעזיעגער. דער אַלטער האָט גענומען די דאָזיגע טרוימען און האָט גע'טענה'ט, אַז זיי זענען גאָרנישט ווערט. קלעגליך האָט זיך דערטראָגען פון דער טיעפעניש:

— געה און בעפריי גאָט פון געפענגניש ביי זיינע פיינד! צווינג דעם שטן בעטען רחמים! געה און מאַך די פרוי פאַר דיין קעניגין. ביי דעם ציעל, אַנ'אויסגענילטערטער, פערלירענדיג די גדלות ווענסטו זיך דערווייסען, אַז אַלץ איז געווען ערהויבענער אין פראָלטפאָלער ווען די האָסט נאָך געטרוימט. דאָס בעסטע איז געשעהן, איידער דו האָסט אויפגעמאַכט די אויגען. דיין חלום האָט אַלץ איבערגעשטייגט. ער לויפט דיר פאָראויס, טראָגענדיג דעם שווערד, וועלכען דו ביזט נישט אין שטאַנד אויפצוהויבען. די גנב'עסט זיך נאָך איהם מיט ליידיגע הענד.

אַ פלעדער-מויז האָט דורכגעשניטען דעם דונקעלען זאַל. ער האָט זי אָנגענומען פאַר דאָס וואָרט—פון דעם אַלטען, וואָס איז צו איהם דערפלויגען. אויפציטערענדיג איז ער אַרויסגעלאָפען דורכ'ן הויף פאַר'ן טויער. ער האָט זיך שוין אַראָבגעלאָזען האַלב פון באַרג; פון דעם פערקומערטען שלאָס האָבען זיך געזעהן קרומע צולעכערטע דעכער.

אונטען אין גרויען נעבעל פון אָווענד האָט זיך פונאַנדערגעשפרייט דאָס ברייטע פעלד. עטוואָס עהנליכעס אויף שאָטענס פון אונזיכטבאַרע געשטאַלטען האָט זיך געגליטשט איבער איהם. אויבען האָבען זיך שווער גערוקט די אַראָבגעהאַנגענע וואָלקען. אין איין פינטעלע פון דעם אונענדליכען רוים האָט דערשראָקען און איינזאַם זיך צונויפגערוקט אַ סטאַדע פון קליינע שעפסעליך. טיעף איינגעהילט אין די פאַלדען פון זיין מאַנטעל איז געזעסען דער פאַסטוך און האָט זיך נישט גערירהרט. ערגעץ האָט זיך נישט געהערט קיין בילען פון הינד, פונדעסטוועגען האָט לוקא דייטליך בעמערקט, ווי עפעס אַ מאַנסביל אין אַ הוט מיט אַ פעדער האָט געחאַפט אַ שעפסעלע און איז אַנטלאָפען מיט איהם.

לוקא האָט זיך גלייך אַ לאָז געטאָן נאָך איהם. צודריקענדיג דעם שווערד צום זייט האָט ער געמאַכט גרויסע טריט.

„זאָל ער אַוועק גנב'ענען די גאַנצע סטאַדע האָט ער געטראַכט — נאָר נישט דאָס שעפּסעלע". וועט ער דעריאָגען דעם רויבער, איידער יענער וועט בעוויזען זיך פערבעהאַלטען אין וואַלד? פערטשעפּענדיג זיך יעדע ווײַלע אויף דעם פרעמדען אָרט האָט ער אָהן אויפהער געשריהען:

„נאָר נישט דאָס שעפּסעלע! הערסט, נאָר נישט דאָס דאָזיגע!"

אָבער יענער האָט שוין בעוויזען צולויפען צו די בוימער — און לוקא איז נאָך געווען דרייסיג טריט ווייט פון איהם. ער האָט שוין געוואָלט אַרויסנעהמען זיין שווערד פון שיידעל. דאַמאָלסט איז עמיץ אַ פערשמידטער אין אַ שוואַרצען פאַנצער, אַרויסגעשפּרונגען פון אונטער'ן קוסט און האָט אַ זעץ געטאָן דעם רויבער מיט אַ שווערד איבער'ן האַנד אַזוי, אַז יענער האָט גלייך איינגעלאָזען דאָס שעפּסעלע. מיט אַ וועה געשריי איז אַנטלאָפען דער רויבער, דאָס פערד מיט דעם פערשמידטען אין פאַנצער איז פערשוואונדען אין וואַלד, און לוקא איז געבליבען אַליין. שווער אָבאָטעמענדיג איז ער געשטאַנען איבער דעם שעפּסעלע.

אויפגעהויבען דאָס שעפּסעלע, האָט ער פאַמעליך און צאַרט עס אַוועקגעטראָגען אין וואַלד, צו דעם קלויסטעריל, וואָס האָט זיך געזעהן ביי דעם ליכט פון די שטערען אויף אַ לאָנקע. ער האָט עס אַוועקגעלעגט אויפ'ן מזבח פאַר'ן בילד פון דער הייליגער מוטער — אין אויגענבליק איז פון דעם שעפּסעלע געוואָרען אַ קליין יונגעלע, וועלכער האָט שמייכלענדיג אָנגענומען די האַנד פון דער הייליגער מוטער מיט זיין לינקער האַנד. די רעכטע האָט ער, בענטשענדיג, אויסגעשפּרייט איבער לוקא'ן, וואָס איז געפאַלען אויף די קניע. „וואָס טהוט מען דאָ?" — האָט געטראַכט לוקא אָנבויגענדיג דעם קאָפּ — „וואָס האָב האָב איך געטאָן? ווער האָט דאָס געמאַכט, איך אָדער דער פערשמידטער אין פאַנצער?"

ער האָט נישט געקענט מעהר קוקען אויפ'ן יונגעל און געבויגען האָט ער זיך אַרויסגערוקט אין דרויסען, דאָ האָט די דופּטענדע נאַכט איהם ווידער אויסגעגלייכט און אַזוי איז ער אָבגעגאַנגען אַ שעה־צוויי, ביז וואַנען עס האָבען אָנגעהויבען שיטער ווערען די בוימער. פּלוצלונג האָט ער דערהערט אַ בייזען געשריי און האָט דערזעהן דעם פערשמידטען אין שוואַרצען פאַנצער, וועלכער האָט, דראָהענדיג מיט'ן לאַנגען שווערד, געטריבען אַרום די סאָסנעס אַ גרויסען כאָנאַק. דער מאָנאַך האָט אַרומגעכאַפּט דעם שטאַם מיט ביידע הענד און בליץ־שנעל איז ער געלאָפען אַרום איהם אויסדרעהענדיג יעדעס מאָהל זיך פון אַ קלאַפּ

„רחמים! , רחמים! גוטער מאַן, ראַטעוועט מיך פון דעם מערדער!“ האָט ער געשריען הארצרייסענד. „איהר זעהט דען ניט, אַז דאָס איז דער שטן מקטרג אַליין?“ מיט וואוט האָט זיך לוקא אַ וואָרף געטאָן אויף דעם פערשטידטען אין פאַנצער, וועלכער האָט געדראָהעט דעם פרומ'ן מאַן. „אַך, דאָס ביזטו, ווער עס האָט מיר אַוועקגענומען דעם גנב“, האָט ער געשריען. „דו האָסט מיר נישט געלאָזען ראַטעווען די שעפסעלע מיט מיינע אייגענע הענד!“ און ער האָט איהם אַריינגע־שטאָכען אין געזיכט דאָס געוועהר.

קלינגענדיג איז יענער אַנידערגעפאַלען אויף די דונקעלע נאָדלען פון די סאָסנעס. דער מאָנאַך האָט זיך צולאַלט, ווי אַ באָק, לוקא האָט זיך אויף איהם אומגעקוקט. ער איז שוין אָבער נישט געווען. אַ שאַר־פער גערוך איז געבליבען נאָך איהם.

איבערפילט מיט שאַנדע האָט לוקא געמורמעלט: „שטעה אויף איך בעט דיך!“ דער פערשטידטער אין פאַנצער האָט זיך אָנגעשפּאַרט אויף דער קניע און האָט אויפגעהויבען זיין פערדרעהטע נאָז צו דער לבנה, פון זיין לינקען אויג, וואָס האט אינגאַנצען אויסגערונען, האָט זיך געגאָסען בלוט אויף זיין ווייסער באַק.

— די ביזט מיעד. — האָט געזאָגט לוקא און האָט איהם צו־געפיהרט זיין פערד. אָבער יענער האָט געענטפערט:

— ער געהערט דיר. דו האָסט געזאָגט און איך געהער אויך דיר. און ער האָט געצוואונגען לוקא'ן צושטעלען זיך זיין אייזערנע האַנד און אַרויפקלעטערן אויפ'ן הויכען רוקען פון פערד.

זיי זענען אָבגעפאָהרען אַ גרויסע שטרעקע און לוקא האָט קיין שום קלאַנג נישט געהערט, אויסער דאָס קלאַפּען פון דעם פערשטידטען אין אייזען, וועלכער איז געגאַנגען פאָראויס זיין פערד. ער האָט מעהר גאָרנישט געזעהן חוץ אַ טונקעל־רויטען פאַס — יעדעס מאָל, ווען יענער פלעגט צו איהם אומקעהרען דעם קאָפּ.

דערנאָך האָט זיך ביי די ווייטען פון גאַס בעוויזען אַ זיים פון בלי־הענדע קוסטעס, געוויגט פון נאַכט־ווינד. די האָפענונגען — די נאָך פערשלאָפענע פויגעליך — האָבען שוין זיך אויפגעהויבען פון דער פינ־סטערניש. ביי די האַלב־אָפענע טהירליך פון גערטנער האָט אַ ווייסע שטיינערנע ברוסט געבעטען: „בלייב!“ נאָר אין דער הויך, וואו אין דעם נישט זיכערען לבנה־ליכט איז דאָס וועגעלע פערשוואונדען. צווישען די בערג האָט זיך עפּעס דורכגעטראָגען אומרוהיג: אַ מחנה צופאַלען,

וואָס דאַרפֿען נאָך פֿאָרקומען, די שענהײַט וואָס וואַרט אויף בעפֿרײַאונג, די גרויסקײַט, וואָס גאַרט צו ווערען בעזיעגט.

מיט דעם טויערדיגען פֿריהמאָרגען, ווען דער טאָג האָט בעשאָטען דעם גרויען וועג מיט זײַנע ערשטע רויזען, האָבען זיי זיך געפֿינען הויך איבער פֿאָמעראַנצען וועלדער, אין דער טיעפֿעניש פֿון וועלכע עס האָט זיך געפֿונען עפּעס אַ שלאָס, די שפּיציגע טורעמס פֿון וועלכען עס האָבען זיך אין הימעל אַרײַנגעשטאָכען. איבער די טעראַסען פֿון די פּעלוזען האָבען אַראָבגענידערט צום ים פֿער׳חלומ׳טע הײַזער פֿון שטאָדט. אונטער דער קיפּאַריסען-וואַנד אין דער לערער בלויקײַט פֿון נעבעל איז געלעגען ים. ווײַט אונטער זיי אויף דעם בערגעדיגען שפּיץ האָט עפּעס געשוואומען, אַזוי ווי אַ גרויסע מחנה פֿויגעליך. דאָס איז אַנ׳אײַנזאַמער זעגעל, ערווײַטערענדיג זיך פֿון ברעג, געווען געפֿאַנגען פֿון אַנדערע, און אַלע צוזאַמען האָבען זיי זיך געשטויסען אַרום דעם פֿעלזעדיגען שפּיץ.

לוקא האָט נישט פֿערשטאַנען פֿאַר וואָס זענען זײַנע טריט פּלוצלינג געוואָרען לײַכטער, פֿאַר וואָס האָט זיך די ברוסט, אָטעמענדיג געהויבען העכער. עפּעס האָט פֿערקלינגען נעבען איהם. דאָס אײנ-אײַנציגע אויג פֿון דעם פֿערשמידטען אין פֿאַנצער איז געווען געווענדט צו איהם:

— דיאַנאַרע, דעם גראַפֿס מעלפֿי׳ס טאָכטער, איז הײַנטיגע נאַכט געפֿאַנגען געוואָרען פֿון דעם סולטאַן בערבעריאַי. קײנער ווײַס נאָך פֿון דעם נישט. דער רוהם פֿון איהר שענהײַט האָט איהם נישט געלאָזט רוהען, ביז וואַנען ער האָט זי נישט געפֿאַנגען אויף זײַן שיף. יעצט איז זי שוין ווײַט.

— איך וועל זי אומקערען! — האָט אויסגעשריען לוקא און האָט זיך גענומען אַראָבלאָזען אויף דעם וועג צו מעלפֿיא. אָבער זײַן בעגלײַטער איז געווען שוין ווײַט פֿון איהם.

אַלע טרעפּעליך פֿון פֿעלז זענען אונטען געווען פֿול. דאָס פֿאָלק איז געקומען, מיט וועה-געשרײען האָבען זיי אויסגעשפּרײט זײערע מאַלטלאָזיגע הענד צו דעם לערען ים: „זי איז נישטאָ, ווי קענען מיר לעבען אָהן איהר!” אַלע געזילבערטע זענען געווען ווײַס פֿון שמערץ, דער צער איז אַרײַנגעשטיגען אין אַלע הײַזער.

— איך וועל זי אומקערען! — האָט אויסגעשריען לוקא. און גלײַך האָבען זיך נאָך איהם אַ לאָז געטאָן טריאומפֿירענדע מחנות,

וועלכע האָבען ערוואַרט זײַן העלדענטהאַט. די טויערן פון שלאָס האָ־בען זיך אויפגעפּראַלט, און פון דאָרטען איז אַרויס דער פערשמידטער אין פּאַנצער. און מיט איהם איז געגאַנגען דער גראַף מעלפי, וועלכער האָט אַ קוש געטאָן בײַ לוקאַ'ן די האַנד. „איהר וועט זי אומקערהרען, מײַן הער! איהר וועט זי אומקערהרען, זיך אַליין! זי איז אַײַערע!"

אַ קליין שיפעל האָט מען פאַר זײַ אַראָבגעלאָזט אין וואַסער. דער פערשמידטער אין פּאַנצער האָט זיך געשטעלט צום מאַסטבוים, לוקא האָט זיך געזעצט בײַם רודער. די שטימען פון ברעג האָבען זײַ שוין נישט געהערט: שנעלער פון די גערדאַנקען האָבען זײַ זיך געטראָגען נאָך די בערבעריטשע זעגעל. און עס זענען שוין אַרויסגעשוואומען די דאָזיגע זע־געל פון בלויקייט־נעבעל און זענען יעצט געווען ענהליך אָן אַ פליגעל פון אַ בושעל. לוקא האָט געטראַכט: „דער רויבער איז נאָך נישט בײַ זיך אין דער היים און ניט אויף אַ זיכערען באָדען האָט ער זײַן רויב. זי קען נאָך פון איהם פערשווינדען.

פלוצלינג האָט פערקלונגען דאָס געוועהר פון דעם פערשמידטען אין פּאַנצער. זײַ זענען שוין געווען נאָר נאָהענט און האָבען געקוקט, ווי עס זענען צושלאָגען געוואָרען די שיפען פון די געצענדריענער. מיט געריידער זענען געפאַלען אין וואַסער די ברעטער: די מאַסט־בוימער זע־נען אומגעפאַלען.

לוקא האָט זיך אָנגעבויגען אַהין: דיאַנאַרע איז געשוואומען אונ־טער זײַנע הענד, אָבער זײַ האָבען געציטערט. דער פערשמידטער אין פּאַנצער איז געווען דער, וועד ס'האָט אַרויפגענומען אויפ'ן שיף די פרוי. פון שאַנדע און כדי חאָטש עפּעס צו טאָן האָט לוקא אָב־געהאַקט דעם קאָפּ דעם סולטאַן און צוויי מאַורען, וועלכע זענען צו־געשוואומען צו איהם איבער'ן וואַסער. איין קאָפּ האָט ער אַרויפגעשטעקט אויפ'ן רודער, דעם אַנדערן אויפ'ן נעזיל פון שיף און דעם סולטאַנס קאָפּ אויפ'ן שפּיץ פון מאַסט־בוים. אונטער איהם אויף קישענס איז גע־לעגען דיאַנאַרע. לוקא האָט אַ קוק געטאָן אויף איהר און מיט אַ מאָל דערפיהלט די ליידען, ער איז געווען גרייט זיך צווייינען. אַזוי וואונ־דער שען איז זי געווען.

טונקעל־רויט און שטיל האָט געלויכטען איהר געזיכט, גלייך ווי אַנ'אוצר בעדעקט מיט שאָטען. יעדעס מאָל, אַז זי פלעגט בעוועגען מיט'ן געזיכט, פלעגט זיך אויף איהם אָנצינדען אַ ראָזער אָדער אַ בלויער אָבגלאַנץ. די אויגען האָבען געלויכטען מיט אַ פיאָליעטען שײַן! דאָס זע־

בען געװען צחיי אײנגעפּאסטע אמעטיסטען און אַרום דעם בלײַלען אָװאַל זענען געלעגען איהרע האָהר, פּונקט װי אַ שװאַרער פון אומעט און געדאַנקען, קראַנץ פון שװאַרצען האָלץ.

אויפ׳ן צוריקװעג איז נישט געװען קײן װינד. זיי זענען צוגע־שטאַנען צו עפּעס אַ פעלזיגען אינזעל, װאו אַלע גריפען דאַ־ען געהיט אַ גרויסען שלאָס אַרומגעצוימט מיט גראַטעס. דיאַנאַרע האָט זיך אָנגע־שפּאַרט אָן אַ טרעפּעלע פון דעם צושפּאָלטענעם לײַטער, גאָר אונטען, און איהר װײַסע קלײד האָט זיך אויסגעשפּרייט איבער דעם בלויען אָב־גרונד. און דער פערשמידטער אין פאַנצער איז געשטאַנען נעבען איהר אַרויפלענענדיג אויף איהר שװאַלען אַקסעל זײַן אײַזערנע האַנד. פון דער אונהײַמליכער װײַטקײַט האָט זיך צו איהר געװענדט לוקא:

— איך האָב דיך אַרויסגעצויגען פון ים און פון די הענד פון די געצען־דינער: װילסטו זײַן מײַנע?

— דער ים האָט מיך גענומען און דער סולטאַן האָט מיך גע־נומען: איך דאַנק דיר נישט.

ער האָט מיט אימה אַ קוק געטאָן אויף דעם פערבלוטיגטען קאָפּ און אויף דעם פלאַטערנדיגען טורבאַן. און דיאַנאַרע האָט אויך אַ קוק געטאָן.

— דו האָסט איהם דען געליעבט? — האָט ער געזאָגט שטיל.

— ניין. ער איז נישט געװען גענוג שטאַרק, װי באַלד זײַנע שיפען זענען אומגעקומען.

— אָבער איך, װעלכער האָט איהם בעזיעגט! איך בין גענוג שטאַרק?

— די פרעגסט? הײסט עס, אַז דו ביזט נישט גענוג שטאַרק.

דער פערשמידטער אין פאַנצער האָט זי בעדאַרפט צוריק אַװעק־טראָגען אויפ׳ן שיף. לוקא האָט ביי זיך געטראַכט: „איך װעל װערען שטאַרקער‟. און אין דער זעלבער צײַט האָבען זיי הינטער זיך איבער־געלאָזען דעם ים. זיי זענען אַרויסגעקומען אויף עפּעס אַ ברעג, װאו װײַסע גאַסען, צװישען שטײַנערנע פעלדער האָבען געפיהרט אין אַ לאַנד, װאָס איז געװען זיי אינגאַנצען אומבעקאַנט.

פיער דיענער האָבען געטראָגען דיאַנאַרעס טראָג־בעטליך, פאַר־אויס איז געגאַנגען דער פערשמידטער אין פאַנצער און נאָך זיי לוקאַ. צװיי, װאָס זענען געגאַנגען מיט דעם זעלבען װעג, זענען צוגעשטאַנען צו זיי; אײַנער אַ פערברענטער אין אַ רויטען מאַנטעל, דער אַנדערער —

אַ בלאַסער מיט אַ שיטער בערדיל, אָנגעטאָן אין אַ שוואַרצע קורטקע מיט שנירליך. „איך האָב שוין געהאַט אַ מיהלשטיין אַרום האַלז", האָט ער געזאָגט. דער צווייטער האָט בעמערקט: „איך בין געלעגען אין קלעצליך מיט פייער ביי די פיס".

זיי זענען געגאַנגען ווייטער און אַלץ גרעסער איז געוואָרען די צאָהל געהענדע מיט זיי: אייגער מיט נאָך בלוטרינענדיגע וואונדען, און אַנדערע מיט דשזיימאַ-געשווירען, אויף די אָפענע אויסגעדאַרטע זייטען. פון הייסע קאַנטען האָבען זיי מיטגעבראַכט קראַנקהייטען, תאוה און פעראַכטונג צום טויט, די אויגען זייערע האָבען געפינקעלט, די געפיהלען זענען געווען אָנגעצינדען מיט גיעריגקייט.

אויפ'ן וועג האָבען זיי צוראַבירט דערפער, אויסרופענדיג די הערשאַפט פון דעם נייעם זיעגער — און אַוועקרויבענדיג פרויען און פיה. אייגמאָל האָבען זיך אַלע אָבגעשטעלט. פון דערווייטענס, אין דער הויך, האָט זיך מעכטיג אויפגעהויבען איבער די ווייסע פעלזען אַ שטאָדט: אַ שימערירענדע הויפט שטאָדט פון לאַנד, די רעזידענץ פון קעניגרייך טראָפעזונט. פון זיינע וועגד זענען אַראָבגעהאָנגען גאָלדענע פאָהנען אין גערליאַנדעס פון רויזען האָבען זיי אַרומגעפלאָכטען.

די זוכער פון פאַסירונגען האָבען געקרעכצט מיט קללות.

זיי האָבען זיך אַראָבגעלאָזען אין דעם שפּאַלט צווישען די שוואַרצע פעלזען, וואָס איז געווען אַזוי שמאָל און טיעף, אַז אַפילו אין האַלבען טאָג האָט זיך איבער איהם געזעהן די שטערען. אויף די שפּיצען פון די בערג זענען געשטאַנען די פערטיידיגער; זיי האָבען אָבגעבראָכען פון די פעלזען שטיקער און זיי געשליידערט אונטען. אָבער די פעלזען האָבען די שטיקער צוגעצויגען, און אַלע זענען געבליבען אויף זיי און קיין אייגע האָט זיך נישט אַראָבגעקייקעלט אונטען, און אין שרעק, אין פערצווייפלונג האָבען זיך די חיל אַליין אַראָבגעוואָרפען אין די טיפענעניש.

פערלאָזען דעם ענגען שפּאַלט, האָבען זיי ווידער דערזעהן די שטאָדט. אָבער קראַנצען און פאָהנען זענען שוין נישט געווען אין איהם. אַ ווילדע אונרוהיגקייט איז געווען אויף די וועגד. אַ ציטער פון טויזענדער דערשראָקענע זיפצען האָט זיך צום הימעל געטראָגען: די רייזענדער האָבען מיט אַ שמייכעל זיך אַ נייג געטאָן אייגע צו די אַנדערע.

דערנאָך האָט זיך אַוועקגעצויגען אַ וואַלד, נעבען וועלכען עס זענען געוועזען אויסגעשטעלט סאָלדאַטען פון דעם קעניגרייך. אַ קוק געבענדיג אין דאָס איינאיינציגע אויג פון דעם פערשמידטען אין פאַנצער, האָבען זיי אַראָבגעלאָזען זייער געוועהר, כּדי לאַנגזאַם צו בעגלייטען דעם זיעגער אויף זיין וועג, וואָס דער מזל האָט פאַר איהם בעשטימט.

אַ דריטען מאָל האָט זיך פאַר זיי ענטדעקט די שטאָדט. זי איז געוועזען שטיל און פון אַלע דעכער האָט געפלאַטערט שוואַרצע געוועבונג. די פערצווייפלונג האָט אויסגעשפרייט צו דעם זיעגער זיינע אויסגעמאַטערטע הענד און האָט זיך געוואָלט אָנהאַפּען אָן זיין שווערד. די רייזענדער האָבען זיך געשטיקט פאַר געלעכטער.

אַז זיי האָבען צובראָכען די ווענד, האָט לוקאַ אָבגערעקט די טראָנבּרעטליך און האָט אויסגעשריען:

— דאָס איז אייער הערשערין!

עטליכע שטימען האָבען געענטפערט:

— מיר האָבען אַ קיסר. ער איז אַ קינד. און ער האָט נישט קיין עלטערן, אָבער מיר האָבען איהם ליעב.

לוקאַ האָט אַ מאַך געטהון, און עס האָט זיך אָנגעהויבען אַ שחיטה. אַז זי האָט זיך געענדיגט, האָט שוין די נייע הערשערין בּיי אַ סך נושא חן געוועזען. אָבער די פרויען האָבען זיך נישט געקענט בערוהיגען. מיט ווילדע געשרייען האָבען זיי אַרויסגעגאָסען פון די הייזער זורגיגען בּוימאייל אויף די קעפּ פון די רויבער: זייערע קינדער האָט מען בּיי זיי אַוועקגערויבט, און דעם יונגען קיסר האָט מען אַרויסגעריסען פון די הענד פון די שומרים. און נאָך לוקאַ'ס בעפעהל זענען זיי אַלע צושטאָרבען.

דיאַנאַראַ, פאַר וועלכער מען האָט געבראַכט אַזוי פיעל קרבנות, איז נאָך דעם אַלעם געוואָרען פערדעכענט ביים פאָלק פאַר אַ הייליגע, פיינינגענדיג זיך, האָט דאָס פאָלק געקניהט פאַר איהר און האָט געקושט דעם שטויב אויף דעם וועג, וואו מ'האָט געטראָגען איהר טראָגבּעטעל.

בּיי דעם שלאָס, אויף אַ פּלאַץ, וואָס איז געוועזען מיט זיילען בעציערט, האָט לוקאַ פאַר איהר געמאַכט אַ טראָן פון מאַרמאָר־שטיין, געלען ווי וואַקס. אין פורפורנע שיך און אין גאָלדענע קליידער האָט

זִי זִיךְ צוּגֶעשְׁפַּארְט צוּ אִיהם און אַ גרויסֶער רוּבִּינֶען=שְׁטַיין האָט בֶּע=
לויכטעֶן מִיט בּלוּט=רויטעֶן קאָלִיעֶר אִיהר אונבּעֶוועֶגלִיכעֶס געֶזִיכט. אִין
אַרוּם האָבּעֶן געֶלויכטעֶן מִיט מעֶטאַלִישעֶן גלאַנץ די אויסגעֶנֶייהטעֶ אַנ=
צוּגעֶן און זִילבּעֶרנעֶ עֶהרעֶצַייכעֶנס. ס׳האָט געֶצִיטעֶרט דאָס צעֶרטלִיכעֶ
שִׁימעֶרן פון די פראַכטפולעֶ צִירונג און דאָס פִינקלעֶן פון די דִימעֶנ=
טעֶנעֶ קרוינעֶן. ס׳האָט זִיךְ געֶגאָסעֶן דעֶר שַיין פון די מעֶטאַלעֶנעֶ מעֶ=
סעֶרס און די גאָלדעֶנעֶ, שטוּהלעֶן און די פורפורנעֶ טעֶפִּיכעֶן, אויסגעֶ=
זעֶצטעֶ מִיט דִימעֶנטעֶן.

מִיט געֶרויש פונקט ווי פון אַ פויגעֶל, פון אַ גִיגאַנטִישעֶן פויגעֶל,
אִיז דאָס פאָלק אַנִידעֶרגעֶפאַלעֶן אויף די קנִיה. צעֶהנדלִיגעֶר טויזעֶנדעֶר
האָבּעֶן געֶשרִיעֶן פון זֵייעֶר פעֶרגעֶטעֶרונג. די אָהן אויפהעֶר טאַנצעֶנדעֶ
האָבּעֶן אִין ווִילדעֶר התלהבות, פעֶרוואַרפעֶנדִיג די קעֶפּ אויף הִינטעֶן,
מִיט די ווַייסעֶ אויגעֶן, דעֶרצעַהלט ווֶעגעֶן זֵייעֶר אויסהֵיילונג. עֶס האָבּעֶן
געֶקלונגעֶן די טרומֵייטעֶן און די מעֶשעֶנעֶ לִיטאַוורעֶס.

דעֶר ווֶעג צום טראָן אִיז געֶוועֶן בּעֶזֵייהט מִיט לֵייעֶבּן. לוּקאַ אִיז
אַרויף אויף אִיהם אַליין. אַרויפגעֶהעֶנדִיג אויף די טרעֶפּלִיךְ. האָט עֶר
זִיךְ אָפּגעֶשטעֶלט, ווַייל עֶר האָט דעֶרפִיהלט אויף זַיין שלֵייף דעֶם
אָטעֶם פון דיאַנאַראַן.

— אִיצט בִּיזטוּ אַ קֵייזעֶרִין! — האָט עֶר געֶזאָגט און אִיז שטִיל
געֶבּלִיבּעֶן אִין עֶרוואַרטונג: אויף זַיינעֶ בּאַקעֶן אִיז געֶלעֶגעֶן די קאַלט=
קַייט פון אַלעֶ אָבּגעֶטאָנעֶנעֶ פעֶרבּרעֶכעֶן. פון די לִיפּעֶן האָט זִיךְ געֶ=
גאָסעֶן בּלוּט. און זי האָט געֶזאָגט:

— דוּ בִּיזט נִישט געֶנוּג שטאַרק.

עֶר האָט זִיךְ אומגעֶקעֶהרט און האָט זִיךְ פעֶרשפּאַרט בַּיי זִיךְ
אִין פּאַלאַץ. טאָג אויס טאָג אַיין האָט עֶר געֶבּלאָנזשעֶט, נִישט ווֶערעֶנ=
דִיג מִיעד אַרוּם די בּעֶגִילטעֶ זאַלעֶן, אויסגעֶבּעֶטעֶ מִיט אויסגעֶנַייטעֶ
טעֶפִּיכעֶן, צווִישעֶן די הִימעֶל=בּלויעֶ קאָלאָנעֶן מִיט גאָלדעֶנעֶ פּאַסקעֶלִיךְ;
גִירליאַנדעֶן פון זִילבּעֶרנעֶ בּלעֶטעֶר האָבּעֶן זִיךְ געֶצויגעֶן פון אַיין קאָ=
לאָנעֶ צוּ דעֶר אַנדעֶרעֶר. די זִילבּעֶרנעֶ בּרוּנעֶנס האָבּעֶן געֶשמעֶקט,
ווי די וואונדעֶן פון הַייליגעֶ מעֶרטִירעֶרִינס. אַ טויטשרעֶק האָט אִיהם
יעֶדעֶס מאָל אָנגעֶחאַפּט, ווען אויף די שטעֶגעֶן פון גאָרטעֶן האָט
געֶסקרִיפּעֶט דעֶר גאָלדעֶנעֶר זאַמד אונטעֶר די טרִיט פון די קנעֶכט,
וועֶלכעֶ האָבּעֶן געֶטראָגעֶן דיאַנאַראַ׳ס טראָגבּעֶטעֶל.

זי האָט געֶשפִּיעלט אויף אַ צִיטרעֶ און האָט געֶזונגעֶן; צעֶרטלִיךְ

און בענקענדיג האט געקלונגען איהר שטים איבער די ציטערענדיגע סטרונעס, פונקט ווי א שמעטערלינג איבער א פעלד אויסגעבעט מיט בלומען; און אויבען אין דעם דרייקאנטיגען פענסטער איז געלעגען לוקא, צודריקענדיג דעם שטערן מיט'ן האנד.

ער האט זי געהיט, און אין דער אָווענד-פרישקייט האט זי זיך געבאָדען נעבען די הײם-אטעמדיגע ליליען אונטער די צעדערן און בעגילטע פאלמען, איבער דעם פינקלענדיגען ברונעם האט דער שוואן געפאטשט מיט זיינע זילבערנע פליעגלען. א הוילע איז זי געשטאנען ביים ברעג, אראבגעלאזט די מיעדע הענד, מיט א ברייטען פון גאלד אויסגעשטריקטען פאס ארום די לענדען. פון דער ברוסט האט געקרונען דאס וואסער; איהר קערפער האט געציטערט פון דער צערטליכקייט פון דער אָווענד-לופט. ראָזע זונענדיגע שטויב האט זיך געשפיעלט ארום איהר. אָפטמאָל פלעגט מיט א בייזען מאָדנעם געשריי איבער איהר דורכפליהען א גרויסער גאלדענער אָדער זילבער-בלוי-שימערענדע פליענעל.

לוקא'ס צונויפגעדריקטע פינגער פלעגען פונאנדערריסען די קוסטעם, וואו ער פלעגט זיך בעהאלטען.

— איך בין געווען שטארק, — פלעגט ער קרעכצען — איך וועל זי נעהמען!

אין אָווענד איז ער אריין צו איהר אין צימער. אויפמאכענדיג דעם פאָרהאנג האט ער זי דערזעהן: איהר ווייסער קערפער איז געהאנגען אויף דער שווארצער ברוסט פון דעם פערשמידטען אין פאנצער.

נאָך דעם האט לוקא פול געמאכט זיינע זאלען מיט פרויען און זיין נשמה און אלע געדאנקען — מיט די בעוועגונגען פון פולע ברוסטען, מיט געשלענגעלטע קנייטשען פון דיקע קערפערס, מיט בלייכע ברייטע פנים'ער, בעלויכטען מיט א אויסגעמאטערטען שמייכעל.

ער האט אויסגעטראכט פיינינונגען און האט זיי צוטיילט צווישען זיינע קנעכט; זיין אונטערשטע פאראויסאריסגערוקטע ליפּ האט געציטערט, די הענד האבען קראמפּפהאפט ארומגעהאפט די שניצונגען פון דעם טראָהן. דערנאָך פלעגט ער זיך אריינשלייכען אין די תפיסות און בעטען רחמים ביי די אומגליקליכע, זיי זאלען איהם מוחל זיין און זיינע פריינד.

פון זיינע ווייסע טעראסען אראב, איבער וועלכע עס איז

אלזוריות׳דיג און פייערליך א בלויער הימעל געהאנגען, פלעגט ער אויסברעכען אין געשרייען וועגען הילף: „גנאד! הער אויף!“ קיינער האט איהם נישט געהערט אויסער די שטומע שווארצע סריסים. קיין זאך האט זיך נישט בעוועגט אויסער זייערע לויפענדע מעטאלענע אויגען. און לוקא איז געפאלען אויף דער ערד מיט ברייט פונאנדערגעווארפענע הענד און דער באנד פון די טייערע שטיינער אויף זיין קאפ איז צובראכען געווארען אן די מארמארנע פליטען.

איינמאל ביינאכט האט ער זיך געשלייכט דורך די פינסטערע קארידארען. די געדאנקען וועגען מארד, וועלכע ער האט אזוי געצערטעלט, האבען געפלאקערט פאר איהם און געוויזען איהם דעם וועג. ער האט זיך גענומען דראפען אין דיאנאראס טיר; מיט א יאמערליכען קרעכץ האט זיך די טיר אויפגעמאכט, און ער האט דערזעהן, אז אלץ איז שוין געשעהן. דער קאפ איהרער מיט די שווערע האהר איז אראבגעהאנגען איבערן ראנד פון איהר געלעגער; אויפ׳ן האלז האבען זיך געזעהן מיט בלוט פערלאפענע פינגער פון אנ׳אייזערנער האנד.

ער איז אנטלאפען און פון דאמאלס אן האט ער געפיהרט א לעבען פון א בלאנזשענדער חיה. מיט א ברילען פלעגט ער אויסשרייען איהר נאמען דעם בייזען ווינד אנטקעגען, מיט א קללה פלעגט ער איהם שלייערן אין הימעל אריין, פלעגט איהם חזר׳ן פאר די חיות רעות אין די הייהלען אונטער דער ערד. אזוי איז ער געוועזען משוגע, ביז וואנען זיין קערפער איז געווארען אזוי ווי פון שטאהל און די נשמה איז אינגאנצען אויסגעמאטערט געווארען. ביסלעכווייז איז זי פאר איהם געווארען נישט מעהר ווי א בלאסער טרוים, וואס קומט צו שווימען איבער זיין שלאף. און ענדליך פלעגט ער, טראכטענדיג וועגען איהר, פיהלען נאר צוויי אויגען הינטער זיך אין דער נעבעלדיגער וויטקייט — גלייך ווי אויגען פון א שטילער מערטירערין אין א שטום־טוויינגענדיגען קלויסטערל, וואס קוקט אלץ נאך פון איהר בעשאטענטער וואנד אראב אויף אונזער בלאנזשען און וואנדערן איבער די רוישענדע וועגען פון לעבען.

אויף זיין געזיכט האט מען נישט געקענט לעזען ניט קיין האפנונג, ניט קיין חרטה; אבער ער פלעגט קיינמאל נישט שלאפען הינטער ניט־געשלאסענע טירען, אוים מורא מיט עפעס זיך ארויסצוגעבען אין שלאף. ער איז געוועזען א אוואנטיוריסט, וועמען קיין זאך איז

נישט ניט געוועזען, אַ זיגער אָהן גאוה, אַ בעל-תאוה מיט קאַלטע ליפען.

איינמאל אין גרויער אָוונד-דונקעלהייט איז ער געגאַנגען איבער אַ ברייט און ווייט פעלד. ער האָט זיך איבער איהם געגליטשט גלייך צו די שאָטענס פון די זאַכען, וועלכע זעהען זיך נישט. אין דער הויך האָבען זיך שווער בעוועגט די אָנגעלאַגערטע וואָלקענס. ער האָט אַרויפגעקלעטערט אויף אַ בערגעל; קרומע צוריסענע דעלער האָבען זיך געעפענט פאר זיינע אויגען. ער איז שוין געווען אין שאָטען פון דעם פינסטערן שלאָס, שוין געשטאַנען ביי זיינע טויערן. דריי זקנות אין דעם פייכטען זאל האָבען מיט אַ געהייל אַרויסגעוואָרפען זייער קאַלטען אָטעם אין דער קאַלטער לופט אַריין. „לוקאַ איז צוריקגעקוּ-מען“, — האָבען זיי געזאָגט, און גלייך האָט אויפגעקלונגען אַ טויבע שטים פון דעם אַלטען, וועלכען די צייט האָט, דאַכט זיך, שוין לאַנג פערשלונגען.

— דו ביסט מיט מלחמה די וועלט דורכגעגאַנגען, זי איז הינטער דיר אויף די קניה געלעגען, און דו האָסט זיך צוריקגעקעהרט צו אונז, ווי יעדער איינער קעהרט זיך צו אונז ווידער. טאָ וואָס האָסטו עפּעס אַנדערש אָבגעטאָן, אויב נישט אַ שפּאַציר הינטער'ן טויער?

אַזוי ווי לוקאַ האָט געשוויגען, האָט דער אַלטער ווידער אָנגעהויבען:

— דו האָסט גאָט בעפרייט, וואָס איז ביי זיינע שונאים געפאַנגען געוועזען, דו האָסט געצוואונגען דעם שטן, ער זאָל ביי דיר בעטען וועגען רחמנות! דו האָסט קעניגרייכען איינגענומען און אַ פרוי האָסטו געמאַכט פאַר דיין הערשערין! ביים ציעל האָסטו, אויסגעניכטערט און מיט אַוועק-גענומענעם שטאָלץ, זיך דערוואוסט, אַז אַלעס איז געוועזען ערהאַבענער און שענער, כל-זמן דו האָסט נאָך געטרוימט. דאָס בעסטע איז געשעהן, איידער דו האָסט די אויגען געעפענט; דיין שלאָף האָט אַלץ אַוועקגע-רויבט אפריהער. ער האָט געאיילט דיר פאָראויס, טראָגענדיג דאָס שווערד, וועלכעס דו האָסט נישט געקענט איינהאַלטען. דו ביסט בגנבה נאָכגעגאַנגען מיט ליידיגע הענד.

לוקאַ האָט אַראָבגעלאָזט דעם קאָפּ און איהם ווידער אויפגעהויבען.

— דאָס איז אַלץ אמת, — האָט ער געזאָגט. — אַזוי איז מיין לעבען געוועזען, אָבער אויב איך האָב אפילו קיין אַנדערע זאַך נישט געטאָן אויסער אַ שפּאַציר הינטער'ן טויער, וויל איך דאָך נישט בלייבען דאָ

בײַ אײַך, איהר אַלטע, װעלכע זענען אַזױ קלוג. איך װעל בעסער מאַכען נאָך אַ שפּאַצירגאַנג הינטער'ן טױער און װעל אָהן חרטה אָנהױבען פון אָנהױב אָן אַלעס, װאָס איך האָב שױן איבערגעלעבט, אױב דער טױט װעט מיך טרעפען אין װעג. און אױך מיט איהם װעל איך פּרובען מײַנע כחות: עס קען זײַן, ער װעט מײַנע קלעפּ דערפיהלען, עס קען זײַן, איך זײַנע, אָדער איך װעל איהם פערדעקען מיט מײַן רױטער פאָהן, אָדער ער מיך מיט זײַן שװאַרצער.

און זיך אומװענדענדיג האָט ער זיך געלאָזט פון דעם בערגעל אַראָב דורך פעלדער און שטעגען. די יונגע מײדליך, װעלכע זענען געשטאַנען אין די גערטנער װאָס בײַם װעג, געבױגען איבער די הערבסטליכע בלומענבײַטען, האָבען פערװאָרפען דעם פאַרבײַגעהער מיט שטערן־בלומען. אַ גרױסע רױטע בלום איז געבליבען הענגען אין זײַנע גרײַז־גרױע האָהר, װעלכע האָבען װײַט געפלאַטערט אין דעם װינד.